STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02650

VELT-HEZHBM

Yehiel Yeshaia Trunk

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. י. טרונק

וועלט-חשבון

פּראָזע און לידער וועגן דער וועלט

וואַרשע, 1938

I. I. TRUNK

WELT-CHESZBN

Warszawa 1938

קאָרעקטור: מ. פּאָרלערער

זעצעריי ה. גלאַנץ, ווארשע, מוראַנאָווסקע 28 וו. 25

Druk. „Renoma", Warszawa.

װעלט־חשבון

געזאַנג צו די מוזעס

ס׳האָט זיך אויסגעלאָשן די וועלט. די זון — אַ צאַנקנדיקע לאָמפּ
האָט אויפגעהערט צו ברענען.
פון די הימלען איז דער טאָג אַנטלאָפן.
פינצטער איז דער וועג. איך האָב נישט מער צו האָפן.
אָפּגרונטן און סופן.
בין געבליבן אַליין מיט מיין אייגענעם ד ע ר ק ע נ ע ן.

ד ע ר ק ע נ ע ן איז אויך אַ וועלט מיט טעג און נעכט און זונען.
כ׳צינד־אָן די וועלט אינם דערקענען ווי אַ פלאַם אין קנויט. —
און באַשאַף מיין אייגן לעבן און באַשאַף מיין אייגענעם טויט.
און ליכטיק ווערט מיין נויט.
מיין אויג אַליין ווערט זון — און ס׳ווערט דער וועג געפונען.

אָ, מוזעס, איר הויזט אין טונקעלע געמעכער.
טונקל ווי תהום איז מיין געזאַנג.
אַ טרויער, וואָס לאַכט איז מיין געדאַנק.
פון טויט און דערקענונג האָב איך געמישט דאָס געטראַנק,
וואָס כ׳גיס פאַר אייך אויס פון מיין בעכער.

I

פֿראַגע וועגן דער וועלט

I.

משיח און אַנטימשיח.

יעדער משיח האָט זיין אַנטימשיח. סוף־כּל־סוף איז אַפילו גאָט אַליין – דער באַשאַפער פון די וועלטן — נישט דער איינציקער באַלעבאָס איבער אונז, וואָרים דער בייזער מקטרג און דער שטן זענען פינצטערע שותּפים צו דער מעשי־בראשית. ס'איז נאַיוו צו גלויבן, אַז טייוול און שטן זענען בלויזע מיטישע מאָטיוון און אויסגעבורטן פון דער וויסטער דיכטערישער פאַנטאַזיע; שאָטן־שפּילן פון טעאָטער און מיטאָס. אָפט ווערן מיר אַליין טיף דערשיטערט פון אַ באַוווסטזיין, אַז אונזער מענטשלעך לעבן לעבן מיר עפּעס אינמיטן מוראדיקע טראַגישע ווידערשפּרוכן, און אַז די מכלומרשט־פעסטע באַדנהאַפטיקייט, אויף וועלכער מיר גלויבן זיך אַזוי זיכער, איז נישט מער ווי אַ דין הייטל איבער אַ ווילדן תּהום פון ליכט און פינצטערניש. אַן אָפּגרונט פון גוטס און גרויזאַמקייט. וויסטער דואַליזם. אין דעמדאָזיקן דינעם הייטל איבערן וועלט־תּהום – אין אונזער *באָדנהאַפטיקייט*־באַווייזן זיך גאַר אָפט דראָענדיקע שפּאַלטן, פון וועלכע די וועלט קוקט־אַרויס נאָך אין איר אורשפּרונג־לעכן כאַאָטישן צושטאַנד.

נישט בלויז אין דער *אָביעקטיווער* וועלט זעען מיר זיך פלוצלינג הענגען איבער די געעפנטע אָפּגרונטן

פון דעם אור־כאָאָס. אין זיך אַליין גופא, אין אונזער אייגע־נעם „איך", אַזוי־צו־זאָגן, זעען מיר זיך באַדראָט פון זעעלישע כוחות, פון וועלכע די האָר קאָנען זיך שטעלן קאַפּויער. אויך אין אונז גופא גייט נאָך כסדר אָן דער אור־צושטאַנד פון מעשי־בראשית. ליכט און פינצטערניש קראַכן אינאַנאַנדער. משיח און אַנטימשיח, גאָט און שטן האָבן נאָך גאָר נישט אויפגעהערט צו פירן זייער אייביקן געראַנגל. דער עיקר – קיינער פון זיי האָט נאָך ווייט נישט געזיגט. פאַר אונ־זערע אויגן ווערט טיילמאָל אַראָפּגעלאָזט אַ שפּיגל־בילד – אונזער שפּיגל־בילד – און מיר ווייסן אַליין נישט, ווער ס'קוקט פון דאָרט אַרויס, מיר, — צי אונזער געשפּענסט? הינטער דער ווייסער מענטשלעכער הויט פון אונזער פּנים, באַהאַלט זיך ווי הינטער אַ מאַסקע אַן אומהיימלעכער טייוולס־קאָפּ. דאָס־טאָיעווסקי, עדגאַר פּאָע, שפּעטער פרויד און די פּסיכאָ־אַנאַ־ליטישע שולע – בכלל די גאַנצע לערע פונם אונטערבאַ־וווסטזיין – זיי האָבן אויפגעדעקט אונטער אונזער „איך" דעם פולשטענדיקן כאַאָטישן רוי־צושטאַנד פון דער וועלט, ד. ה., זיי האָבן אין אונז – היינטצייטיקע מענטשן — אויפ־געדעקט די גאַנצע אור־געשיכטע, פאַר־געשיכטע און גע־שיכטע פונם מענטש אויף יענער זייט באַריערע פון דער אַנטוויקלונג. מענטשלעך באַוווסטזיין און אינדיווידואַלי־טעט – עס איז נאָר אַ קליינער אויבנאויפיקער שפּאַן אי־בער אַ רעזערוואָר פון פּסיכישע צושטאַנדן פון אַלע צייט־פּאַזן, וואָס אונזערע אַלע געשלעכטער האָבן דורכגעמאַכט אַלס מענטשן, אין פאַרשידענע געאָלאָגישע שיכטן אַלס חיות און ווערים, און, ווער ווייסט, אפשר פּסיכישע צו־שטאַנדן — אַזוי־צו־זאָגן — פון די אור־עלעמענטן פון דער וועלט בכלל. אונזער אונטערבאַוווסטזיין איז טאַקע

נישט ווייניקער ווי דער גאַנצער קאָסמאָס אין זיין אײבער-
צײַטלעכקייט, און דאָס באַוווסטזיין אונזערס איז נישט
מער ווי אַ בידנע רעטונגס-ברעטל, אויף וועלכן מיר פּרווון
זיך צו האַלטן אויף דער אויבערפלאַך פון אונזער אייגע-
נעם אינערלעכן תהום. ווען דאָס ברעטל טוט זיך אַ וויג,
אָדער דער תהום פון דער וועלט-געשיכטע אין אונז פּרווט
אַ שפּיל-צו-טון מיט דעם שוואַכן לעבנס-ברעטל, וואָס
מיר רופן עס אָן אונזער באַוווסטזיין, דאַן בלייבן מיר
שטיין אין אָנגעזיכט פון זיך אַליין, ווי פאַר אַן אומהיימ-
לעכער אייביקייט, אין וועלכער עס פאַליען זיך און קראַכן
אינאַנאַנדער אינם צושטאַנד פון ליכט-און-פינצטערניש אַלע
וועלטן און אַלע דורות. אין דעמדאָזיקן אָפּגרונט פון ליכט-
און-פינצטערניש קעמפן גאָט און טייוול און ראַנגלען זיך
וועגן דער הערשאַפט. משיח און אַנטימשיח שטייען, קוקן-
צו, און וואַרטן אויף דער לעצטער – אפשר זיך קיינמאָל
נישט אַנטשיידנדיקער — אַנטשיידונג.

כדי זיך אַליין צו באַרויקן האָבן מיר געפּרווט אַרײַ-
בערצוטראַנספאָרמירן די רעלאַטיוו-פּראַקטישע געזעצן פון
אונזער פאַרבייגייענדיקער פאַרנונפט, אַהין אַריין, אין דער איי-
ביקער פאַרנונפטלאָזיקייט פון דער וועלט. אונזערע אייגענע
חשבון-ביכער האָבן מיר געפּרווט צוצופּאַסן צו דער חשבונ-
לאָזיקייט פון די אייביקע עקזיסטענץ-סובסטאַנצן. דאָס
ווינציקע ברעטל, וואָס הייסט באַוווסטזיין, האָבן מיר גע-
פּרווט צוצובינדן צו די איקסן פון דעם איקס, – און אַזוי-
אַרום האָבן מיר געגלייבט אַריינצוברענגען אַ שטיקל אָר-
דענונג אין דעם כאָאָס. נישקשה, מיר וועלן זיך אַן עצה
געבן. דאָס באַוווסטזיין און די געזעצן פון דער פאַר-
נונפט – באמת, זייער קלוגע און ווילטועדיקע באַ-

גריפן. ס׳זענען גוטע רעטונגס־גאַרטעלעך אויף צו שווימען איבער אַלע מבול־וואַסערן. צי האָבן מיר אַמאָל נישט דאָ געמאַכט דעם חשבון אָן דעם באַלעבאָס און מיר זענען אַ קאַפּעטשקע אין טעות? ניין, — אין דעם גייט עס זיכער נישט. טעזע און אַנטיטעזע — איז ממילא סינטעזע. צוויי און צוויי איז פיר. און ס׳איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער חשבון שטימט. אין דער העגעליאַניש־מאַרקסיסטישער דיאַלעקטיק האָבן מיר געפּרוווט צו קאָנסטרווירן פעסטע גרענעצן פאַרן כאַאָס, פון וועלכע מיר האָבן געגלויבט אים נישט אַרויסצולאָזן אויף דער ווילדער פריי. דערצו האָבן מיר צוגעפּגעשמידט אַ קייט, דעם כאַאָס צו האַלטן ווי עס איז אין אַנשטענדיקער געהאַרכזאַמקייט. די דיאַזיקע קייט האָט זייער אַ שיינעם נאָמען. זי הייסט אַנטוויקלונג. געזעצמעסיקייט, אורזאַכלעכקייט, און קוויזאַליטעט. אין שוץ פון דיאַזיקע מאַטעמאַטישע פעסטשטעלונגען האָבן מיר ענדלעך רויקער אָפּגעאָטעמט און געזאָגט צו זיך אַליין: נו, איצטער קאָנען די געטער דונערן וויפל זיי ווילן. גאָט און טייוול, משיח און אַנטימשיח קאָנען זיך ראַנגלען און הוי־דען אויף די וואָג־שאָלן פון דער וועלט. דער דאַך איבער אונזער קאָפּ איז גאַנץ, און מיר קאָנען שלאָפן רויק.

II.

דער איקס און די פיזיקאַלישע וועלט־דערקענטעניש.

אויפן שטח פון דער געשיכטע פון דער אַבסטראַקטער ספעקולאַטיווער פילאָזאָפיע האָבן אַלע דערקענטעניש־טעאָרעטיקער זיך באַצויגן מיט גרויסע באַוואָרענישן צו די אייביקע און פעסטע געזעצן פון דער אָביעקטיווער וועלט. וואָס שייך דידאָזיקע געזעצן זענען מיר אָנגעוויזן־געווען בלויז אויף די הוילע אינפאָרמאַציעס פון אונזערע חושים. און די דערקענטעניש־טעאָרעטיקער זענען היפש מסופק־געווען, צי די וועלט קוקט טאַקע אַזוי אויס און צי פירט זי טאַקע איר באַלעבאַטישקייט לויט דעם פאָרשטעלונגס־בילד פון דידאָזיקע אינפאָרמאַציעס. אונזערע חושים?— וואָרים קיין אַנדערע אינפאָרמאַטאָרן וועגן דער וועלט האָבן מיר נישט—צי בויען מיר נישט אַמאָל אונזער גאַנץ וועלט־דערקענטעניש אויף אַ פּאַטאַ־מאָרגאַנאַ און אויף אַ בבאַ־מעשה? קאַנט האָט בפירוש געזאָגט, אַז מיר קאָנען אַבסאָלוט נישט וויסן צי די וועלט־געזעצן האָבן אַן *אָביעקטיווע* עקזיסטענץ. זיי האָבן אוודאי נישט קיין שום אָביעקטיווע עקזיסטענץ. און סוף־כּל־סוף זענען די אָביעקטיווע וועלט־געזעצן נישט־מער־און־נישט־ווייניקער, ווי די גאַנץ סוביעקטיווע געזעצן פון אונזער פאַרנונפט. אויב אַזוי —

וואָס־זשע איז די וועלט? די וועלט איז אַ „דינג אַן זיך״, מחוץ פון אַלע געזעצן און מחוץ פון אַלע פאָרשטעלונגען, — ד. ה., אַן איקס. אַזוי זענען מיר געבליבן שטיין אינמיטן פון דער וועלט מיט דעם שיינעם בינטל וועלט־געזעצן אין דער קעשענע, — וועלט־געזעצן, וואָס האָבן פאַר אונזער וועלט־דערקענטעניש — אַלס אַזעלכע — געהאַט זייער אַ קנאַפּע ממשות. מיר האָבן דידאַזיקע „אייביקע״ וועלט־געזעצן העכסטנס געקאָנט אויסנוצן אין אונזער אייגענער באַלעבאַטישקייט, ד. ה., צו דעם גאָר פּערזענלעכן געברויך פון אונזער קלוגער פאַרנונפט. נישקשה, אין אָנגעזיכט פון די געטער האָבן מיר געהאַט אַ שיין פּנים מיט די געזעצן, וועלכע מיר האָבן אַזוי גרויסמוטיק קאָנסטרוירט, צו ווייזן די געטער, ווי אַזוי מען דאַרף צו פירן די וועלט.

אָבער נאָר אויפן שטח פון דער אַבסטראַקטער פילאָזאָפיע האָבן זיך אַזעלכע אומפאַרבעסערלעכע סקעפּטיקער פריי געקאָנט פאַנאַנדערשפּילן. די הוילע דערקענטעניש פון מענטשלעכן גייסט און די הוילע קריטיק פון דערדאָזיקער דערקענטעניש זענען דאָ געווען ריינע פילאָזאָפישע מעדיטאַציעס. מעדיטאַציעס, אָפּגעבונדן פון אַלע עמפּירישע און רעאַל־וויסנשאַפטלעכע דערפאַרונגען. מען האָט ווירקלעך געקאָנט דרייען די מטבע אַהין־און־צוריק און שפּילן בלינדע־קו מיט די ספּעקולאַטיווע געזעצן פון דער דערקענטעניש. צי האָבן זיי אַ רעאַלע ממשות, צי האָבן זיי נישט קיין רעאַלע ממשות? צי איז די וועלט אַ יש, צי איז גאָר די וועלט אַ ביטרע געשפּענסט, וואָס טרייבט מיט אונז האָקוס־פּאָקוס? די, וואָס האָבן מעדיטירט און ספּעקולירט בלויז אויפן שטח פון דער מעטאַ־

פיזישער פילאָזאָפיע, – זיי האָבן פון דער וועלט סיי־ווי מער נישט געהאַט אין די הענט ווי ווינט, – ד. ה., דעם איקס און דעם אַזוי־גערופענעם גייסט, און זיי האָבן אין דעמדאָזיקן „ווינט" יאָ געגלויבט, צי נישט געגלויבט. לויט דעם אַבסטראַקט־פילאָזאָפישן „באַליבן". נישט מער, וואָס דער קלוגער בן־אדם האָט דאָ געשפּילט די ראָל פון דעם שעיר־לעזעזאל. מ'האָט אים אַרויף־„מעדיטירט" אין אַלע הייכענישן, אָדער גאָר געמאַכט פון אים בלאָטע־שבבלאָ־טע. דאָ איז ער געווען דער „איך" פון דער וועלט און דער הויפּט־טרעגער פון אַלע דערקענטעניש־וואָרהייטן. שיעור נישט אָן איבערגאַט. און דאָ גאָר, האָט מען אים, די קרוין פון דער שאַפונג, – דעם בן־אדם, הייסט עס, – געלאָזט שטיין, מחילה, אָן אָפּגעשמיסענעם, און אים, דעם איינ־ציקן דערקענער פון דער וועלט, אַרויסגעוואָרפן פון אַלע וועלטן, ד. ה., פון אַלע „דינגע אָן זיך". דער בן־אדם איז פּלוצלינג געבליבן שטיין מיט דעם גאַנצן באַגאַזש פון דער־קענטענישן און האָט נישט געוווסט וואָס מיט זיי אָנצוהייבן. די סקעפּטישע פילאָזאָפן האָבן ביי דידאָזיקע דערקענטענישן צו־גענומען יעדן ווערט. ס'איז געווען אַ שפּיל פאַרן ווינט, ד. ה., פאַרן איקס און פאַרן גייסט, און עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף די פּאַפּירענע עמודים פון די פאַרנונפטיקסטע ביכער. די נאַטור־וויסנשאַפטלער און די עמפּירוקער האָבן געלאַכט אין די פויסטן. אין שייכות מיט דעם, וואָס עס איז אַזוינס די וועלט, האָבן זיי געהאַט אין דער האַנט דעם *זיבערסטן* אַטום: די *אומצעשטערבאַרע מאַטעריע*. אַן אָביעקטיווער יש, אַ רעאַלע ממשות, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט אָרעקבלאָזן פון קיין שום פילאָזאָפישע ספּעקולאַ־ציעס. דערצו זענען פאַראַנען־געווען אַזעלכע פעסטע און

אייזערנע עקזיסטענץ־באַווייזן, ווי די מאַטעמאַטישע געזעצן פון דער בעמיע און די מאַטעמאַטישע געזעצן פון דער פיזיק, און דאָס אויפן קלאָרסטן אופן באַווייזנע גראַוויטאַציע־געזעץ פון ניוטאָן. מאַטעמאַטישע אַטומען וועגן דער וועלט, – איין קלייניקייט, ברודערקע פילאָזאָף! אין אונזערע לאַבאָראַטאָריעס – אַזוי האָבן זיך געגרויסט די נאַטור־וויסנשאַפטלער – האָבן מיר ליגן די אָ ב י ע ק ט י וו ע וועלט, צעלייגט אויף אַלע טעלערלעך און צעשניטן ווי אַ הערינג. און מיר קאָנען אייך פאַרזיכערן: אין דעם עלעמענטן־שפּיל פון דער וועלט הערשט אַן אייביקע מאַטעמאַטישע אָרדענונג, מאַטעמאַטישער יושר, און דער עיקר – די פאַרנונפטיקסטע געזעצמעסיקייט. דער קאַמף פון זיין און נישט־זיין, פון ליכט און פינצטערניש, פון גאָט און טייוול, משיח און אַנטימשיח — דער כאַאָס, הייסט עס — פאַרדאָן, אויב דערדאַזיקער קאַמף פירט זיך נאָך ערגעץ־ווו, דאָן גייט ער אָן בלויז אין די וואָן־זעונגען פון די פּאָעטן, און אויף דער ליגנערישסטער וועלט פון אַלע ליגנערישע וועלטן: אויף די נישטיקע קאָמעדיאַנטן־ברעטער פון דער טעאַטער־בינע. אין די אמתע און אין די ווירקלעך־עקזיסטירנדיקע וועלט־ספערן, און אין דער אומצעשטערבאַרער מאַטעריע, איז דער קאַמף צווישן גאָט און טייוול שוין לאַנג אויסגעקעמפט. דאָ הערשט איין־און־איינציק די פאַרנונפטיקסטע פאַרנונפט. די מאַטעמאַטישע געזעצמעסיקייט. דאָ וויקלט זיך פאַנאַנדער די ליניע פון אַנטוויקלונג.

III.

די וועלט אין כאַאָס.

ווען מיר לייענען די ביכער, וואָס דערציילן אונז פון דעם היינטצייטיקן באַשטאַנד פון די נאַטור־וויסנשאַפטן — גראַד פון דעם באַשטאַנד פון דעם עמפּירישסטן טייל פון דידאָזיקע וויסנשאַפטן, נעמלעך, די פיזיק און כעמיע — זעען מיר ווי דער דערקענענדיקער שכל אונזערער האָט צוגעטריבן די געזעצן און די פאַרנונפט פון דער וועלט צו אַזאַ פּרעציזער געזעצמעסיקייט און צוגעשפּיצטער פאַרנונפטיקייט, אַז ביים לעצטן שטאַפּל פון דערדאָזיקער דערגרייכונג הייבט זיך אַלץ אָן פון זיך אַליין ווידערצושפּרעכן. אַפילו די מאַטעמאַטיק ווידערשפּרעכט זיך לויט איינשטיינען אין אירע גרונט־הנחות. און די מאַטעמאַטיק איז דאָך – ווי מיר האָבן געגלויבט – דער זיכערסטער אינסטרומענט, מיט וועלכן מיר קאָנטראָלירן די וועלט. דאָס ניוטאָנישע געזעץ פון דער גראַוויטאַציע הייבט זיך אַ קאַפּעטשקע נישט אָן. אין אָנגעזיכט פון דעם פאַרנונפטיקן סדר פון דער וועלט שטייען מיר ווידער פון פאָרנט און מיר ווייסן נישט, צי איז ער טאַקע אַזוי פאַרנונפטיק, דערדאָזיקער וועלט־סדר, צי איז טאַקע דאָרט אַלץ אַזוי קלוג און שיין אויסגערעכנט, אַלצדינג איז קויזאַליטעט און אַנטוויקלונג, און דער צופאַל, צי גאָר דער כאַאָטישער קאַפּריז האָבן אין דער וועלט דאָרט

דאָס מינדסטע נישט מיט־צו־רעדן. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער צופאַל און דער סדרלאָזער כאַאָס האָבן אין דער וועלט אַ סך מער צו זאָגן, ווי מיר האָבן ביז אַהער געמיינט. לויט עדינגטאָן ווערט דער וועלט־אַל בכלל כסדר באַדראָט פונם געזעצלאָזן כאַאָס. מיר ווייסן אַפילו נישט אַזאַ קלייניקייט, – צי די וועלט איז ענדלעך צי אומענדלעך. דער שענסטער פלי אונזערער אין די קאָסמישע רוימען – ד. ה., דער באַגריף וועגן אומענדלעכע אַטריבוטן, איז סך־הכל נישט מער ווי אַ שיינע פּאָעטישע פראַזע פון אונזער אינטעלעקט. אין דער וועלט גייט עס צו אַ סך פּראָזאַישער. דער וועלט חלומט זיך אַפילו גאָר נישט צו זיין א ו מ ע נ ד ל ע ך. זי איז אַבסאָלוט ענדלעך, די וועלט, און הערמעטיש אָפּגעשלאָסן אין זיך ווי אַ פשוט קאָנסערוון־שאַכטל. וואָס מיר ווייסן יאָ פון דעם קאָסמאָס, איז נישט מער, ווי דער ווונדערלעכער פאַקט, אַז דער קאָסמאָס ציט זיך כסדר איין ביז צו אַ געוויסן פונקט און שפּרייט זיך דאַן ווידער אויס ביז צו אַ געוויסן פונקט. דער וועלט־אַל אָטעמט אין זיך איין אַלע וועלטן און אָטעמט דאַן פון זיך אויס אַלע וועלטן. דאָס איז דאָס גאַנצע, אַזוי־צו־זאָגן, וואָס מיר קאָנען אפשר ווּיסן אויף באַשטימט. און מיר מוזן דאָ אייך דריי מאָל אונטערצייכענען דאָס וואָרט א פ ש ר. די צ יי ט און דער ר ו י ם זענען איבערהויפּט דאָס רעלאַטיווסטע פון אַלע רעלאַטיוויטעטן און האָבן נישט קיין שום רעאַלן באַשטאַנד. אין די דימענסיעס פון דעם וועלט־אַל לעבן די צייט און דער רוים אין דער גרעסטער דיסהאַרמאָניע און אין גרעסטן ווידערשפּרוך. אַלע מאָסן זענען נישט ריכטיק. לויט פריץ גערלאַך ענדערן זיך די מאָסן נאָך דעם אופן ווי זיי באַוועגן זיך. איצטער קומט די

גרעסטע אַנטוישונג, נעמלעך: די האַפּערדיקסטע זיכערקייט אונזערע, אַז די מאַטעריע איז אַן אומצעשטערבאַרער יש,— נו, דאָס באַטראַכטן גאָר די היינטצייטיקע פיזיקער פאַר דעם גרעסטן אָבערגלויבן. די מ אַ ט ע ר י ע איז סך־הכּל, נישט־מער־און־נישט־ווייניקער, ווי אַ זיך־פּאַליענדיקע ב אַ ו ע ג ו נ ג פון אַן איקס, צי פון אַן איקסישן וועלט־גייסט. לאָמיר בעסער זיין אויפריכטיק און אָנרופן דאָס קינד ביים נאָמען: די מאַטעריע איז די זיך־פּאַליענדיקע באַוועגונג פון אַ גאָרנישט. ווען דערדאָזיקער איינציקער דעאַלער וועלט־אַטום, וואָס מיר האָבן געגלויבט צו האָבן אין די הענט, די אומצעשטערבאַרע מאַטעריע, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאַנטאָם פון אַן איקס, זענען מיר טאַקע געבליבן מיט דער וועלט ביים ריינעם גאָרנישט. דערצו גייט־צו אין דעמדאָזיקן איקס — די וועלט — אַן אמתער שוואַרץ־שבת. די קוואַנטן־טעאָריע האָט געמאַכט דעם לעצטן שטריך אונטער אונזערע השבונות וואָס שייך דער פיזיק, — זי האָט אונטערגעגראָבן די יסודות פון דער קויזאַליטעט, און עס איז זייער מעגלעך, אַז אין די לעצטע עלעמענטן פון דער מיקלאָמפערשטער מאַטעריע, ד. ה., אין די מיי־קלאָמפערשטע אַטאָמען, הערשט גאָר — נישט־מער־און־נישט־ווייניקער! — ווי אַבסאָלוטער פ ר יי ע ר ו ו י ל ן, און עס דעצידירט דאָרט דער צופאַל און דער קאַפּריז. שיינע קויזאַליטעט אונטער דער הערשאַפט פון אַן אַבסאָלוטן פרייען ווילן. אויב עס געשען מיט אונז נישט יעדע מינוט די ווילדסטע קאַטאַקליזמען און עס פּלאַצן נישט אַלע פּלאַנעטן איבער אונזערע קעפּ, איז עס נישט, חס־ושלום, דערפאַר, ווייל די השגחה, וואָס — לויט די סטאָיקער — פירט זי די וועלט מיט דער גרעסטער פאַרנונפט און מיט דעם

טיפסטן געפיל פאַר זיטלעכקייט, ווייל אונז נישט מאַכן אַזעלכע אומאָנגענעמע איבעראַשונגען, — נאָר פשוט דער־פאַר, ווייל צופעליק האָט זיך נאָך מיט אונז נישט גע־טראָפן קיין שום קאַטאַסטראָפע. אָבער די קאַטאַסטראָפע קאָן זיך מיט אונז יעדע רגע טרעפן. מיר לעבן, הייסט עס, אין אַ פשוט משוגעים־הויז, ווו אַלץ איז הפקר. מיר קאָנען זיך, הייסט עס, ריכטן אויף דעם, וואָס קיין דיכטער האָט נישט געחלומט אין זיינע דרייסטסטע פאַנטאַזיעס; אויף די ווילדסטע זאַכן. אַלע מאַטעמאַטישע רעדעלעך קאָנען זיך אינמיטן דרינען אָפּשטעלן. פון אַלע געזעצן קאָנען זיך אויסלאָזן די אויסטערלישסטע געזעצלאָזיקייטן, און די קייט פון דער אַנטוויקלונג קאָן זיך מיטאַמאָל אַזוי פאַרפּלאָנטערן, אַז מיר זאָלן נישט וויסן ווו־איין און ווו־אויס. מיר וועלן דאַן שיין אויסקוקן מיט דער איינרעדע־ניש פון אַן אומצעשטערבאַרער מאַטעריע. עס קאָן זיך אַלצדינג אויסלאָזן פונקט קאַפּויער. מיר האָבן געגלויבט, אַז אין דער פיזיק האָבן מיר דעם שטאַרקסטן שוץ־וואַל קעגן אַלע פילאָזאָפישע סקעפּטיקער, קעגן אַלער־ליי וועלט־פעסימיסטן און אַלערליי וועלט־שוואַרץ־זעער, וואָס האָבן אונז תמיד געוואָלט איינרעדן, אַז מיר לעבן אין אַ וועלט, וואָס איז סך־הכל נישט מער ווי אַ מיספאַר־שטענדעניש און סך־הכל נישט מער ווי אַ יאָמער־טאָל. אין דער פיזיק האָבן מיר געהאַט דעם באַשיינפּערלעכסטן באַווייז, אַז עס איז נישט אַזוי, און עס איז בכלל נישט אַזוי טרויערעוודיק מיט דער וועלט. מיר לעבן דווקא אין אַ גערעכטער וועלט, אין אַ וועלט פון דער שטרענגסטער אָר־דענונג. זייער שיין. עפּיקור האָט עס בפירוש געזאָגט. עפּיקור האָט געהייסן זיך באַשעפטיקן מיט דער פיזיק, נישט צוליב

ס׳זם וויסנשאַפטלעכע צווֹעקן, נאָר ווייל זי, די פיזיק, הייסט עס, באַפרייט אונז פון דער פאָרשטעלונג וועגן אַ שרעק־לעך־כאַאָטישן צושטאַנד פון דער וועלט. וואָס שייך דער היינטצייטיקער פיזיק קאָן מען עס זיכער נישט זאָגן. היינט־צו־טאָג איז דאָס פיזיקאַלישע בילד פון דער וועלט, – דאָס בילד פון דעם וויסטסטן קאָשמאַר.

אַז גראַד די פאַרנונפטיקסטע וועלט־דערקענטעניש, — די פיזיקאַלישע וועלט־דערקענטעניש, – זאָל אונז ביי דער גרענעץ פון אַלע גרענעצן אָפּשפּילן אַזאַ שפּיצל און אונז אַרויספירן אויפן כאַאָס, — אויף דעם האָבן מיר זיך אַמ־וויינִיקסטן געקאָנט ריכטן. דער שׂכל האָט זיך אין זיינע אייגענע הנחות ווידערשפּראָכן אויף אַ מיאוסן אופן. ער האָט, אַזוי־צו־זאָגן, דער ערשטער דעזערטירט. דער שׂכל האָט אונז געלאָזט שטיין אויף אַן אָרט, וואָס איז מיט טויזנ־טער מיילן ווייטער פון אונזער ערשטן אַרויסגאַנגס־פּונקט. אין דער „אומצעשטערבאַרער“ מאַטעריע און אין דער פי־זיקאַלישער וועלט האָבן מיר פאַרלוירן אַלע וועגן. מיר בלאָנדזשען צומאָל נישט, מיר שטייען גלאַט אַן קעפּ. פאַר אונז ליגט דער וועלט־אַל אין אַ כאַאָטישן הפקר־צושטאַנד,– און מיר ווייסן אַפילו נישט, צי דערדאָזיקער הפקרדיקער וועלט־אַל איז ענדלעך, צי אומענדלעך. ווען מיר פרעגן עפּעס ביי די היינטצייטיקע פיזיקער און מיר ווילן סוף־כּל־סוף וויסן וואָסער־עס־איז באַשייד, שעמען זיי זיך גאָר נישט מודה־צו־זיין, אַז די פיזיק ווייסט סך־הכּל אַבסאָלוט גאָרנישט, קאָן נישט וויסן, און וועט קיינמאָל אַבסאָלוט גאָרנישט וויסן. מיר קאָנען אַלע נישט מער ווי טאַפּן אין די פינצטערנישן, — אָבער מיר ווילן תּמיד גאָרנישט האָבן אין די הענט. דאָס בייזע געשפּענסט, וואָס הייסט וועלט,

אַנטלויפט פון אונז און לאָזט זיך נישט כאַפּן. אַזאַ פיזיקער ווי דשינס שיקט אונז גאָר אָפּ צו די אַלטע אמתן פון דער רעליגיע.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די מיסטיקער זענען געווען פיל רעאַלער און פּאָרזיכטיקער אין די באַהויפּטונגען וועגן זייער וועלט־בילד, ווי די עמפּירישע פיזיקער וועגן דעם וועלט־בילד פון דער מאַטעריע. די פיזיקער האָבן אויף יעדער סובּיעקטיווער הנחה זייערער געוואָלט האָבן אָביעקטיווע באַווייזן, און דידאָזיקע באַווייזן טויזנט מאָל קאָנטראָלירט אין זייערע לאַבּאָראַטאָריעס. די מיסטיקער און די א י נ ע ר ל ע כ ע וועלט־זעער האָבן נישט געהאַט וואָס צו קאָנטראָלירן. זיי האָבן אויף דער וועלט געקוקט נישט פונם שטאַנדפּונקט פון אַן עמפּירישער און פיזיקאַלישער מאַטעריע, נאָר פונם שטאַנדפּונקט פון אַ לאָגאָס; ד. ה., אַז אַנשטאָט אַ גאָרנישט זאָגנדיקן איקס, איז די וועלט עפּעס אַזוינס, ווי אַ וו אָ ר ט. דאָס ערשטע און דאָס לעצטע פון דער וועלט ליגט אינם וו אָ ר ט, ד. ה., אין דער סובּלימירטסטער פאָרם פון מענטשלעכער זועלט־פאָרשטעלונג. דאָס מיסטישע וועלט־בילד, די וו ע ל ט, הייסט עס, א י ן וו אָ ר ט, איז געווען אויסגעבויט און קאָנסטרוּירט פון דעם גאַנצן עשרות פון אַנונגען, פאָרשטעלונגען און זעונגען, וואָס דער מענטש איז נאָר בכוח אין זיך אינערלעך צו אַנען און צו זעען מחוץ פון אַלע סיבות און מחוץ פון אַלע געזעצן; צו אַנען און צו זעען אָן דער מיטהילף פון די חושים. דער מיסטישער מענטש האָט ג ע ז ע ן די וועלט און האָט דערביי נישט געפרעגט קיין עצה ביי די אָביעקטיווע דרויסנדיקע דערשיינונגען. זיי האָבן נישט דעצידירט אין זייערע וועלט־באַצוונגען. מיט דער וווּנדערלעכסטער בראַוווּר האָט

דער מיסטישער מענטש אַרויפגעטראָגן דעם „איך" אויף דער העכסטער פון די העכסטע מדריגות פון אַן עקזיס־טענץ. ענדלעכקייט און אומענדלעכקייט זענען פאַר אים נישט געווען קיין מאַטעמאַטישע „פאַקטן" פון רוים און צייט. ענדלעכקייט און אומענדלעכקייט האָבן פאַר די מיס־טיקער נאָר אויסגעדרוקט אַן עקסטאַטישן צושטאַנד פון זייער וועלט־געמיט. כדי צו זעען אינערלעך די וועלט, האָבן די מיסטיקער בכיוון טיילמאָל צוגעמאַכט די אויגן. זיי האָבן געוואָלט זעען די וועלט מיט דער געהיימנישפולער אָנונג און מיט דער געהיימנישפולער חכמה פון אייביקע וועלט־בלינדע. זיי האָבן זיך אָבענטויערלעך געלאָזט לאָקן פון דעם רוף פון זייער אייגענער פאַנטאַזיע, די מיסטיקער, און האָבן נישט געטרויט דער וועלט־דער־קענטעניש פונם שכל. פונדעסטוועגן, — דאָ ווייזט זיך ליי־דער אַרויס, אַז די מיסטיקער זענען גראָד געווען די ניכטע־רע און די קלוגע — זיי האָבן געהאַלטן מאָס אין די באַדנ־לאָזע פליינען פון דער אָנונגספולער אַבסטראַקציע. סוף־כל־סוף האָבן זיי נישט איגנאָרירט די מאַטעריע, — הגם די רעאַלע אַטריבוטן פון דער מאַטעריע האָבן זיך קנאַפ־וואָס געקאָנט אַריינפאַסן אין אַ וועלט־בילד פון סאַמע אי־נערלעכע זעונגען. די מיסטיקער האָבן ווי־עס־איז געפרוווט צוזאַמענצובינדן די מאַטעריע מיטן גייסט. די נעאָ־פּלאַטאָ־ניקער האָבן עס געטון דורך דעם לאָגאָס און אַנדערע האַלב־געטערישע דעמיורגן. די קבלה האָט אַפילו קאָנ־סטרוירט אַן אייגענע מיסטישע וועלט־אַנטוויקלונג — אַ מיסטישע דיאַלעקטיק — און האָט מיט דער היכלת פון די צען ספירות דירעקט אַרויסאַנטוויקלט די מאַטעריע פונם גייסט. די מיסטיקער האָבן נישט געוואָלט פאַרברענגען

הינטער זיך אַלע בריקן צו דער מאַטעריע. די פיזיקער האָבן יאָ פאַרברענט הינטער זיך אַלע בריקן צום גייסט. די מיסטיקער האָבן זיך נישט אינגאַנצן פאַרלאָזט אויפן גייסט. די פיזיקער האָבן זיך אינגאַנצן פאַרלאָזט אויף דער מאַטעריע, און די מאַטעריע האָט אַנטוישט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אינם אור-צושטאַנד פון דער וועלט איז נאָך אַבּ־סאָלוט גאָרנישט אַנטשידן־געוואָרן. עס האַלט נאָך אַלץ ביים קאָשמאַר. עס ברויזט נאָך דער כּאַאָס פון ליכט און פינצטערניש. געטער און טייוולאָנים, משיחים און אַנטי־משיחים שפּרינגען דאָרט אַרום אויף די וואָג־שאָלן פון דער וועלט און רייסן זיך אַלץ בּסדר פאַר די קעפּ.

IV.

געזעלשאַפטלעכער רעלאַטיוויזם

אָדער

דיאַלעקטישע קאָרטנהייזער.

אין פעסטן אומדערשיטערלעכן גלויבן אינם וועלט־
בילד פון די אַמאָליקע מאַטעריאַליסטישע פיזיקער,
האָבן די סאָציאָלאָגן ווייטער געגלויבט צו מוזן טון די זאַך
פון דער פאַרנונפטיקער נאַטור און צו קאָנסטרוירן דעם
סדר פון די צווישן־מענטשלעכע פאַרהעלטענישן לויט
דעם סדר פון דער קלוגער וועלט־אָרדענונג. ס'וואָלט פון
אונזער זייט געווען זייער נישט קאָרעקט, ווען בעת אין אַלע
וועלטן הערשט אַזאַ שלום־בית צווישן די געזעצן און אין
דער אומצעשטערבאַרער מאַטעריע הערשט אַזאַ מאַטעמאַ־
טישע האַרמאָניע, זאָל גראָד אין דער שענסטער וועלט פון
אַלע וועלטן, אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, אַלצדינג
צוגיין קידער־ווידער, אַ וויסטע אומאָרדענונג, און איין האַנט
זאָל נישט וויסן וואָס די צווייטע טוט. זאָל טאַקע די מענטש־
לעכע געזעלשאַפט זיין אַן אַאַזע פון זינלאָזער אומגערעכ־
טיקייט אינמיטן אַ זינפולער גערעכטיקייט פון דעם וועלט־
אַל! ? דערצו האָט די העגעליאַנישע דיאַלעקטיק אַזוי וווּנ־
דערשיין נאָכגעוויזן, אַז דער סדר פון דער וועלט־אַנט־

וויקלונג גייט צו דער העכסטער פאָרם פון שלמות און דידאַזיקע דיאַלעקטיק פאַסט ממש אויף דער האָר צו די פאַרהעלטענישן פון אונזער מענטשלעכער געזעלשאַפט. מיר זענען נאָר אַ טייל פון דער פאַרנונפטיקער נאַטור און אין דער סטרוקטור פון אונזערע עקאָנאָמישע אינטערעסן אַנטוויקלט זיך — פונקט אַזוי ווי אין אַלע וועלטן — אומ־ברחמנותדיק די דיאַלעקטיק און זי שלעפט אונז צו פאַר די האָר צו אַ פאָרם פון סאָציאַלער שלמות. מען מוז זאָגן דעם אמת: גראָד מאַרקס אַליין, וועלכער האָט וויסנשאַפטלעך אַמקאָנסעקווענטסטן קאָנסטרוירט דאָס סאָציאַלע בילד פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט לויט די אַנטוויקלונגס־כללים פון דער דיאַלעקטיק, האָט זיך אויף אַ גאַנץ קלאָרן אופן אָפּגעגרענעצט פון דערדאָזיקער אַנטוויקלונגס־דיאַלעק־טיק, אויף וויפל זי האָט אַ שייכות צו דעם סדר פון דעם וועלט־אַל, — ד. ה., אויף וויפל זי האָט געהאַט די אַמביציע צו זיין אַן א ב ס אָ ל ו ט ע ר קאָסמישער אמת. צי האָט מאַרקס געהאַט די בייזע פאַראַנונג, אַז דערדאָזיקער א ב ס אָ ל ו ט ע ר קאָסמישער אמת פון דער פיזיק און פון דער מאַטעריאַ־ליסטישער פילאָזאָפיע וועט צום סוף אָפּטון אַזאַ שפּיצל און זיך פאַר אונז אויסלאָזן מיט אַ קאַצניאַמער? יעדנפאַלס, מאַרקס האָט נאָך לאַנג פאַר איינשטיינען אייגנטלעך באַ־טראַכט אַלע וועלט־געזעצן פאַר רעלאַטיווע, — דעריבער האָט ער קאָנסטרוירט דאָס דיאַלעקטישע געזעץ פון דער געזעלשאַפטלעכער עקאָנאָמיק אויף דער ר ע ל אַ ט י וו י ט ע ט פון די צווישן־מענטשלעכע באַדינגונגען און די צווישן־מענטשלעכע באַציונגען. דער גאַנצער היסטאָרישער מאַ־טעריאַליזם פון קאַרל מאַרקס איז דורכויס אַ רעלאַטיוויער. און דערין שטעקט דער פאַראַדאָקסאַלער וויץ. מאַרקס האָט

די רעלאַטיוויטעט פון דער דיאַלעקטיק אויף אַזוי פיל
איבערגעטריבן, אַז ער האָט אַזש אַרויסגעזאָגט די געוואַל־
דיק סקעפּטישע מיינונג, אַז אין תּוך־אַריין איז דער גאַנצער
מענטשלעכער גייסט אַ באַשיינפּערלעכער פּראָדוקט פון
די עקאָנאָמישע באַדינגונגען, — ד. ה., אַז דער מענטשלע־
כער גייסט איז אַבסאָלוט געבויט אויף רעלאַטיווע און פאַר־
גענגלעכע יסודות, און מ'קאָן דעריבער אין אים האָבן אַ
גאַנץ קנאַפּע אמונה. אויב אַזוי — איז דער מאַטעריאַליס־
טישער מאַרקסיזם נישקשה פון אַ „מ אַ ט ע ר י אַ ל י ס ט י ־
ש ע ר” וועלט־אויפפאַסונג. ביי אַלע ווירקלעכע מאַטער־
יאַליסטן וואָלטן זיך דאָ באַדאַרפט קאַפּויערשטעלן די האָר
אויפן קאָפּ. מאַרקס האָט זיך נישט געוואָלט צופיל מישן
אין דעם סדר־העולם פונם רבונו־של־עולם, — ווייל ער איז
נאָך אפשר נישט זיכער־געווען מיט דעם מאַטעריאַליסטישן
וועלט־בילד פון די עמפּיריקער — און ער האָט זיך באַג־
ניגן־געלאָזן מיט דעם בידנעם סדר־העולם פון די מענטשן.
אין די רעלאַטיווע צווישן־מענטשלעכע באַציונגען קאָן מען
גענוג יוצא־זיין מיט אַ רעלאַטיווער דיאַלעקטיק און מיט אַ
רעלאַטיווער אַנטוויקלונג. מיט אַ רעלאַטיוון מאַטעריאַליזם.
ס'איז אַפילו אַ שפּיל אויפן זאַמד. אָבער פאַר דעמדאָזיקן שפּיל
איז דער זאַמד אַ גענוג פעסטער באָדן. פון איִדע הייבעניש
האָט די מאַטעריאַליסטישע אַל־קאָסמישע וויסנשאַפט גע־
קוקט אויפן מאַרקסיזם פון אויבן־אַראָפּ ווי אויף אַ קליינ־
קעפּלדיקע פאַרגענגלעכקייט. דעם מאַרקסיזם האָבן
מכלומרשט געפעלט די גרויסע קאָסמישע האָריזאָנטן פון
אַ ווירקלעכער מאַטעריאַליסטישער וועלט־אַנשויונג. אָבער
עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מאַרקס איז געווען דער קלו־
גער און דער פאַרזיכטיקער, דער — פּאַראַדאָקסאַלער — מאַ־

טעריאַליסטישער רעלאַטיוויזם האָט זיך פאַרן מאַרקסיזם אויסגעלאָזט צום געזונט. מאַרקס האָט זיך נישט געוואָלט צו־פיל אַנגאַזשירן אין דער קאָסמישער באַלעבאַטישקייט פון די געטער. ער האָט געהאַט גרויסע באַוואָרענישן וועגן די אייביקע שלמות־צוועקן פון דער השגחה און בכלל וועגן דער גאַנצער קאָסמישער דיאַלעקטיק. און ער האָט גוט געטון. ווען די מאָדערנע פיזיק האָט צעטרייסלט אַלע אָנגענומענע יסודות פון דער וועלט־אָרדענונג, האָבן נאָך די מאַרקסיסטן די מאַטעריאַליסטישע יסודות פון דער מענטשן־אָרדענונג נישט געוואָרפן אויפן אַלגעמיינעם שייטער־הויפן פון דער נאַטורוויסנשאַפט. רעלאַטיוויזם? — נו, די מאַרקסיסטן האָבן דאָך פון תמיד אָן געפּריידיקט רעלאַטיווע דיאַלעקטיק. גראָד מיט דעמדאָזיקן מאַרקסיסטישן רעלאַטיוויזם האָבן זיי געגלויבט היפּש אויסצוקומען, וואָס שייך די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן. די פיזיקער האָבן זיך מיאוס אָנטוישט אין דעם וועלט־אַל. די סאָציאַליסטן האָבן זיך דערווייל נאָך נישט אַנטוישט אין דער מענטשהייט. אינם קאָסמאָס קאָן גרייכלעך הערשן דער ווילדסטער כאַאָס, — אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט האָבן די סאָציאַליסטן פונדעסטוועגן ווייטער געוואָלט איינפירן די בעסטע און די געראַכטסטע אָרדענונג. דער קאָסמאָס איז אַ באַרבאַר, אָבער דער מענטש איז פאַר די סאָציאַליסטן ווייטער פאַרבליבן דאָס פאַרנונפטיקע וועזן. אַפילו דער *פרייער ווילן*, וואָס איז — לויט דער קוואַנטן־טעאָריע — דער געפערלעכסטער שונא פון דער פיזיקאַלישער וועלט־האַרמאָניע — וואָרים ער באַדראָט כסדר דעם וועלט־אַל מיט דעסטרוקציע־אַט־אָ דעם דעסטרוקטיוון *פרייען ווילן* האָט דער דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם געוואָלט אויסנוצן — אונטערן

נאָמען פון מענטשלעכער פרייהייט – אַלס דעם אידע־אַלסטן ווערט, אַלס מאָטיוו פון דער האַרמאָנישסטער זיטלעכ־קייט, -- מיט איין וואָרט: אַלס דעם עטישן קאַטעגאָרישן אימפעראַטיוו אין דער סטרוקטור פון אַ געראַכטער סאָציאַ־לער אָרדענונג.

.V

דער קאָסמאָס און דאָס מענטשלעכע אונטערבאַוווסטזיין.

דער דיאַלעקטישער מאַרקסיזם האָט געגלויבט, די פאַרנונפטיקע מענטשהייט צו קאָנען אָפּגרענעצן פון דער אומפאַרנונפטיקער נאַטור. סוף־כל־סוף איז דאָס ראַציאָנאַלע נישט מער ווי אַן איידעלע און ראַפינירטע פאָרם פונם רע־לאַטיוון – איז דערמיט, וואָס די יסודות פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן זענען רעלאַטיווע, זענען זיי דערפאַר ממילא ראַציאָנאַלע און לאָגישע. קלאָר ווי דער טאָג: עס וואָלט טאַקע געווען זייער אַ שיינער לאָגישער שלוס. איז אָבער די מעשה, וואָס אין יעדער ראַציאָנאַלער לאָגיק שטעקט אַן אי־ראַציאָנאַלער טעות. און די אי־ראַציאָנאַלע טעותים פון דער לאָגיק נעמען זיך דערפון, וואָס די לאָגיק איז נאָר דורכויס אַ דענקונגס־פאָרם פונם ראַציאָנאַלן באַוווסטזיין. די לאָגיק איז נישט מער ווי די פונקציע פון דער פאַר־נונפט און האָט נאָר אַ באַשטאַנד אויף דעם שטח, ווו עס גילט בכלל די פונקציע פון דער פאַרנונפט. אויב מיר נעמען־אָן, אַז די פאַרנונפט גילט נאָר אויפן שטח פון אונזער באַוווסטזיין און מחוץ דעמדאָזיקן שטח קאָן מען מיט דער פאַרנונפט נישט צוקומען צו קיין טאָלק, –

קאָן מען ממלא אויך דאָרט מיט דער לאָגיק נישט צוקומען צו קיין טאָלק. הגם די מאַרקסיסטן האָבן גוט געוווּסט, אַז אינם קאָסמאָס איז דאָס ראַציאָנאַלע, ד. ה., דאָס פאַרנונפטיקע און דאָס לאָגישע, בעסער געזאָגט — דאָס רעלאַטיווע, בשום־אופן נאָך נישט די אייגנטלעכע מאָס פון דעם סדר פון די זאַכן און אַז אין קאָסמאָס האָט מער צו זאָגן דאָס אַבסאָלוטע, ד. ה., דאָס אי־ראַציאָנאַלע און דער כאאָס, – איז אָבער דער מענטש שוין אויך אַזוי פיל פאַרגענגלעך, נישט־באַשטימט און רעלאַטיוו, ד. ה., נישט אַבסאָלוט,—און מ׳קאָן שוין אָננעמען אַלס הנחה, אַז דער מענטש שטייט שוין ענדלעך פולשטענדיק אונטער דער הערשאַפט פון זיין אייגענעם באַוווּסטזיין, ד. ה., פון דער פאַרנונפט און איר פונקציע, — די לאָגיק. מיט אַנדערע ווערטער: די מאַרקסיסטן האָבן צו־אָפּטימיסטיש – און דעריבער לייכטזיניק — געגלויבט, אַז מ׳קאָן שוין מיט דער רעלאַטיווער מאָס זיך פּרווון צו מעסטן דעם מהות פונם מענטש און בויען (פאַרן מענטשהייטלעכן מין) די דיאַלעקטישע קאָרטן־הייזער אויפן זאַמד. דער זאַמד וועט אויסהאַלטן. דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן דער פאַטאַלער טעות פון די מאַרקסיסטן. וואָרים דער זאַמד האָט נישט אויסגעהאַלטן. די פּסיכאָ־אַנאַליזע און די לערע פונם אונטערבאַוווּסטזיין האָבן אָנגעהויבן פאַר אונז אויפצודעקן גאַנץ אויסטערלישע אמתן, נעמלעך: אַז אויפן שטח פונם מענטשלעבן מהות איז די ראַציאָנאַלע פאַרנונפט נאָך ווייט נישט דער פולער באַלעבאָס. זי איז אפשר קוים אַ שטיקל באַלעבאָס. און דאָס מעגלעך, נאָר אויף דעם ווינציקן לעבנס־אָפּשניט, וואָס געהער צו מענטשלעכער פּראַקטישקייט, ד. ה., אינם צוזאַמענהאַנג מיט דעם, אויף וויפל דער מענטש

איז אַ רעלאַטיוו וועזן. אין גרויסן־און־גאַנצן איז נאָך דער־
ווייל דער מענטש נישט קיין פולשטענדיק רעלאַטיוו וועזן.
ער איז בלויז רעלאַטיוו אין שייכות צו זיין ראַציאָ און
באַוווסטזיין. נ ע ב ן און א ו נ ט ע ר דעם מענטשלעכן באַ־
וווסטזיין האָבן מיר דאָס אַבסאָלוטע אין זיין פולער
עלעמענטאַרער אויפגעלעזטקייט — ד. ה., דאָס אי־ראַציאָ־
נאַלע און דאָס כאַאָטישע פון דעם וועלט־אַל. דער א י ק ס,
צי דער פאַרנונפטלאָזער קאַמף, אַזוי־צו־זאָגן — פון די אור־
עלעמענטן, דער קאַמף, וואָס פלאַקערט נאָך אינם קאָסמאָס
ווי אַ ווילד־פייערדיקער און אויפגעברויזטער אָקעאַן און האַלט
נאָך גאָר נישט דערביי, זיך צו באַרויקן, — דערדאָזיקער
פאַרנונפטלאָזער קאַמף מאַכט אויך פול די טונקעלע —
קאָסמישע — אָפּגרונטן פון דעם מענטשלעכן אונטערבאַ־
וווסטזיין. גאָט און טייוול, משיח און אַנטימשיח פירן אויך
אינם רוים פון אונזער אונטערבאַוווסטזיין דאָסזעלבע ווילדע
זינלאָז־פאַרביסענע שפּיל — דאָס שפּיל צווישן האַרמאָניע
און כאַאָס – פונקט ווי זיי פירן עס אויף די אומענדלעכע
צי גאָר ענדלעכע פליינען פון דעם וועלט־אַל. דער רעלאַ־
טיווער ראַציאָנאַלער מענטש האָט זיך טאַקע געוואָלט
אויפסגעוואַלט אָפּגרענעצן פון דעם אַבסאָלוטן אי־ראַציאָ־
נאַלן קאָסמאָס, אָבער דער אי־ראַציאָנאַלער קאָסמאָס האָט
גאָר נישט געהאַט אין דער דעה זיך אָפּצוגרענעצן פון דעם
ראַציאָנאַלן מענטש. דער קאָסמאָס האָט דערווייל נאָך נישט
אַרויסגעלאָזט דעם מענטש פון דעם אַלגעמיינעם כאַאָס. אויב
ס׳איז דעם מענטש אַמאָל געלונגען צו זיין רעלאַטיוו און
ראַציאָנאַל, איז עס נאָר געווען אויף אַ גאַניץ קליינער צייט
און אויף אַ ווינציקן שטח. ביים וועלט־אַל איז תמיד פאַרבליבן
די לעצטע איניציאַטיוו און ער האָט תמיד געהאַט די ברירה,

דעם פֿאַרנונפֿטיקן מענטש צוריקצורופֿן צו דער פֿאַרנונפֿטלאָזיקייט פֿון די וועלט־עלעמענטן. דער מענטש איז טאַקע, אַזוי־צו־זאָגן, פֿאַרנונפֿטיק — אָבער נאָך מער — און דער עיקר — איז אַפֿילו דער קלוגער מענטש נישט מער ווי אַ קאָסמיש וועזן, — און דערמיט איז ער גאָר, דער מענטש, אַן אַבסאָלוטער מהות און אַן אי־ראַציאָנאַלער פֿענאָמען. מיט אַלע אויסטערלישע איבערראַשנדיקע קאָנסעקווענצן פֿון דעם אי־ראַציאָנאַלן און אַבסאָלוטן. דאָס האָבן די מאַרקסיסטן ליידער נישט געזען און האָבן — אין גרויסן־און גאַנצן — גענומען דעם מענטש נאָר אַלס סך־הכּל פֿון זיין באַוווסטזיין, ד. ה., אַלס דעם רעלאַטיוון פּראָדוקט פֿון זיינע רעלאַטיווע באַדינגונגען. דער מענטש איז נישט בלויז קיין פּראָדוקט פֿון זיינע באַדינגונגען. ער איז מער דער סך־הכּל פֿון זיין אונטערבאַוווסטזיין, ווי דער סך־הכּל פֿון זיין באַוווסטזיין. ד. ה., דער מכלומרשט פֿאַרנונפֿטיקער מענטש איז אויך ניין־און־ניינציק פּראָצענט פֿאַרבליבן דער אי־ראַציאָנאַלער קאָסמישער באַרבאַר.

אויב די אָרטאָדאָקסע מאַרקסיסטן האָבן זיך איינגערעדט, אַז די שיינע קאָרטן־הייזער פֿון געזעלשאַפֿטלעכער דיאַלעקטיק בויען זיי אויפֿן רוּיקן זאַמד, איז עס ווידער געווען אַ טעות. די טעאַטער־דעקאָראַציעס פֿון דער האַרמאָנישער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט האָבן זיי גאָר נאַיוו אויסגעשטעלט אויף די שפּיצן פֿון אַ פֿייער־שפּייענדיקן ווולקאַן, אינמיטן משוגענע ערד־ציטערנישן. דער זאַמד איז נאָר געווען אַ קליינע דינע שיכט אויפֿן אור־פֿייער.

ווען ס׳קומען־אָן גרויסע געזעלשאַפֿטלעכע קאַטאַקליזמען, דאַן טרייסלען זיך קאַטאַסטראָפֿאַל אין אונז אויך אַלע אָנגענומענע יסודות. די אויבערפֿלאַך פֿון דער געשיכטע

ווערט פאַרפלייצט מיט די פאַרשידענע אי־ראַציאָנאַלע אור־כּוחות, וואָס מאַכן פול די טיפענישן פון אונזער פּסיכיק; אי־ראַציאָנאַלע עלעמענטן פונם וועלט־אַל, וואָס ליגן באַהאַלטן אין די טונקעלע טיפענישן אינם מענטש בלומרשט פאַרדעקט מיט אַ דינער שיכט פון רעלאַטיווער פאַרנונפט. דער ווולקאַן, וואָס הייסט מענטש, קאָן אויך אַמאָל פּלאַצן, און מיט אַ בלינדער קראַפט קאָן געטריבן־ווערן אין דער הויך דער קאָסמישער כאַאָס פונם מענטש־לעבן אונטערבאַוווסטזיין. מיר קאָנען ווערן שווידערלעך באַ־דראָט פון זיך אַליין. מיר האָבן נאַיוו געגלויבט זיך צו קאָנען רויק אויסלעבן אויף דעם ווינציקן שטח פון אונזער רעלאַ־טיוון אמת, מן־הצד פון די אַלע זינלאָזע און פאַרצווייפלטע ראַנגלענישן אינם וועלט־אַל. ליידער ווערן מיר מיט אַמאָל געוווּיר, אַז די טרויעריקע אמתן פון דער פיזיק קאָנען אויך ווערן די טרויעריקע אמתן פון דער מענטשהייט. היינט־צו־טאָג זענען מיר לעבעדיקע עדות פון אַזעלכע טרויעריקע אמתן. דער וועלט־כאַאָס אין אונז גופא עפנט היינט־צו־טאָג אויף זיינע פינצטערע תהומות און רופט אונז צוריק צו דער זעלבסט־פאַרניכטונג, צו דער דעסטרוקציע, צו זעלבסט־אויפלעזונג – צום אור־צושטאַנד פונם איקס. דער טייוול רופט אונז פון אונזערע אייגענע תהומות אַרויס, אים צו העלפן אין זיין אייביקן קאַמף מיט גאָט. אַנטימשיח רופט אונז צו קרייציקן משיחן און ציניש אויסלאַכן די אַלע, וואָס זענען געקומען די וועלט צו דערלייזן פון איר קאָסמישן פיין. דאָס קול פון דעם וועלט־צעשטערער אין אונז קלינגט נישט אומזיסט. עס לאָקט אונז די אי־ראַציאָ־נאַלע אומהיימלעכקייט פונם פאַרנונפטלאָזן איקס. אין פייער און רויך הויבן מיר הויך דעם טונקעלן בעכער

פון דער וועלט און מיר טרינקען דאָס געטראַנק פון דער פאַרניכטונג ווי גיפטיק-זיסן האַשיש. זיי געגרוסט, טויט, מיר גייען צו דיר. Ave Mors! Morituri te salutant. בלינדע סטיכישע פּאַסיעס פלאַטערן-אויף אין אונז, פייפן און רופן. זיי רופן אונז אין דער פאָרם פון פאַרשידענע פאַשיזמען, נאַציאָנאַליזמען, אַנטיסעמיטיזם, מענטשן-האַס און מענטשן-פאַראַכטונג. דעם האַס צו זיך אַליין טראַנספאָרמירן מיר אַריבער אינם האַס צו אַנדערע, און אין דער פאַראַכטונג צו אַנדערע לאָזן מיר אויסלעבן אונזער זעלבסט-פאַראַכטונג. פון די וויסנשאַפטן, דורך וועלכע מיר דאַרפן צו דערקענען די וועלט, – איבערהויפּט פון דער פיזיק און בעמיע, – פון דאָרט גראָד שטעקן-אַרויס די קעפּ אונזערע גרעסטע משחיתים. אַפילו די מלחמה-סכנה שרעקט אונז נישט. זי רייצט די טויט-תאוות. וואָס מער מיר זעען דאָס מוראדיקע געשפּענסט פון דער מלחמהס גרויזאַמקייטן, אַלץ מער רייצט און לאָקט אונז דאָס בלוטיקע געשפּענסט פון דער זעלבסט-פאַרניכטונג. זעלבסטמאָרד איז איינע פון די ליידנשאַפטלעכסטע גלוסטונגען פון דעם אונטערבאַוווסטזיין. ווען די מענטשן באַפאַלט דידאָזיקע ליידנשאַפט, דאַן ווילן זיי זיך אַליין אויפשניידן די העלזער, אַליין זיך אויסזויגן דאָס אייגענע בלוט; אַרויסרופן דעם שטן צום שוואַרצן טאַנץ פון אונטערגאַנג; אויפרייסן זיך דאָס אונטערבאַוווסטזיין ווי אַ זעלבסטמערדער, וואָס רייסט זיך אויף דעם בויך, – און אונטערגיין אין אייגענעם קאָסמישן שגעון. עס איז אי-ראַציאָנאַל? אָ, אייביקער קאָסמישער כאַאָס! דאָס אי-ראַציאָנאַלע איז די מיסטישע חיה, וואָס הויערט אין די געהיימנישפולע הייכלן פון דעם אונטערבאַוווסטזיין. די אָרטאָדאָקסע מאַרקסיסטן, וואָס האָבן אַזוי שיין געזען דעם בן-אָדם אין

דעם ליכט פון דער פאַרנונפטפולער האַרמאָניע, — אין אָנ־געזיכט פון דעם ווילדן שפּיל, וואָס ס׳טרייבט מיט אונז היינט־צו־טאָג דאָס אויפגעוויגטע אונטערבאַוווּסטזיין, שטייען זיי טאַקע, די אָרטאָדאָקסע מאַרקסיסטן, ראַטלאָז און פּרוּוון עס צו דערקלערן לויט די אַלטע אָנגענומענע הנחות. אָבער אַלע דערקלערונגען אַנטוישן ביטער. עס זענען אַלע ראַציאָנאַלע, זייער פאַרנונפטפולע דערקלערונגען פאַר אַן איר־ראַציאָנאַ־לער פאַרנונפטלאָזיקייט. און ליידער פּאַסט זיך עס נישט צו. מיר שטייען, וואונדערן זיך, און פרעגן: ס׳טייטש, דער קלוגער באַרעכנטער מענטש וויל זיך גאָר אַליין בידים פאַרניכטן?

יאָ. עס שיינט אַזוי אויסצוקוקן. דער קלוגער באַרעכנ־טער מענטש וויל זיך אַליין פאַרניכטן און צוריק איבערקאָפּ אַריינשפּרינגען אין כאַאָס.

.VI

דער מענטש אַלס דער הערס.

אין דידאַזיקע אויפן ראַנד געשריבענע סקעפּטישע און אומצייטמעסיקע וועלט-חשבונות האָב איך בכיוון – און אפשר אַ ביסל צו-פיל – אונטערגעשטראָכן די שוואַרצע זייטן פון אונזערע חשבונות מיט דער וועלט. איך האָב מיך באַמיט אין קורצע, אָנגעוואָרפענע שטריכן לייכט פאַנאַנדערצוויקלען דאָס בילד פון דעם וועלט-באַשטאַנד, — הן, – אין קאָסמישער הינזיכט — לויט די לעצטע אויספירונגען פון די נאַטור-וויסנשאַפטן, הן — אויך אין קאָסמישער הינזיכט — ווי די ענינים קוקן-אויס אין שייכות מיט אונזערע מענטשלעכע צווישן-באַציונגען. דאָס שפּילפעלד פון מענטשלעכע קאַמפן און מענטשלעכע פאַרמעסטונגען איז זיכער נישט קיין באַקוועם-אויסגעבויטער ספּאָרט-פּלאַץ. די טאַטן פון אונזער געשיכטע טוען מיר אויף הייסן וואולקאַנישן באָדן. מיר זענען באַדראָט נישט בלויז פון דער אויסערלעכער אומפאַרנונפט. אין אונז אַליין גופא זיצן אַלע אור-עלעמענטן פון דעם וועלט-אַל און קאָנען טיילמאָל אָננעמען זייער געפערלעכע פאָרמען. צי זאָלן מיר דעריבער פאַרצווייפלען און אויפגעבן אַלע קאַמפן פאַר אונזער דערלייזונג? צי זאָלן מיר ענדלעך טאַקע אָנהייבן צו גלייבן, אַז אַלע קאַמפן אונזערע פאַר

מענטשלעכער פרייהייט זענען אומזיסט, ווארים אין תוך זיינעם איז דער מענטש נישט פריי? איך בין אין הונדערט פראצענט א סאציאליסט, און אין הונדערט פראצענט בין איך טיף איבערצייגט, אז אויב די מענטשהייט האט צו האפן אויף א צוקונפט, — ד. ה., אויב מיר זענען אין דער געשיכטע נישט צוגעקומען צו דעם ענד פון דעם לעצטן וועג און מיר הייבן זיך אן — קאסמיש — קאטאסטראפאל צו קאלערן אויף צוריק; און אז דאס געזעץ פון דער היס־טארישער דיאלעקטיק איז נאר א געזעץ ביז צו א געוויסן פונקט און פון דעמדאזיקן געוויסן פונקט הייבט זיך דאס בלוטי־קע שפיל פון דער געשיכטע ווידער אן גאנץ פונדאסניי, און מיר ווערן צוריקגעווארפן צום ארט, פון וועלכן מיר זענען בכלל ארויסגעגאנגען—אויב מיר זאלן זיך נישט לאזן אפשרעקן פון אזעלכע אומהיימלעכע געשפענסטערהאפטיקע ספקות און מיר זאלן אומדערמידלעך גלויבן, אז עס איז — דאך! — פאראן דער וועג אויף ווייטער און מיר וועלן אים סוף־כל־סוף געפינען — דאן איז עס נאר דער וועג פונם סאציאליזם. דערדאזיקער געטלעכער וועג פון גערעכטיקייט, פאר־נונפט און הארמאניע. יעדן משיח פרווט זיבן מאל דער טייוול. אויך אונזער היינטיקן דור — דאס דור, וואס באדארף צו ברענגען די סאציאליסטישע דערלייזונג — פרווט דער טייוול זיבן מאל. גראד אבער אין אונזער קאמף פארן גע־רעכטן מענטש באדארפן מיר מיט פיל פאראנטווארטלעכ־קייט און מוט צו האלטן אפן די אויגן אויפן קאמף־פלאץ און זיך אפגעבן דעם פולן דין־וחשבון, ווי מיר האלטן מיט זיך אליין און ווי מיר האלטן מיט דער וועלט. לויט די דערפארונגען, וואס די נאטור־וויסנשאפטן האבן לעצטנס געמאכט מיט דעם וועלט־אל, און לויט אונזערע אייגענע

בּיטערע דערפאַרונגען מיט דעם מין מענטש, — מוזן מיר צוגעבן, אַז מיר פירן אינזער זאַך אינמיטן די גיגאַנטישע ראַנגלענישן פון אַ וועלט־כאַאָס. עס וויגן זיך די וועלטן צווישן פיין און דערלייזונג. און מיר האָבן אויפן שטח פון אונזער אָרימער ערד, דעם מוט און די אַמביציע אויך צו־צולייגן אַ האַנט צו די טראַגישע וואָג־שאָלן. אינם כאַאָס פון איקסן פאַרמעסטן זיך בלוטיק מיט־אַנאַנדער גאָט און טייוול, משיח און אַנטימשיח. דאָס געשטאַלט פונם גע־רעכטן מענטש טויכט אויך אויף, אויף דער בּלוטיקער אַרענע אַלס איינער פון די קעמפער פאַרן לעצטן גורל פון דער וועלט. וואָס גרויזאַמער און פאַרנונפטלאָזער עס איז דער וועלט־כאַאָס, אַלץ הערלעכער און העראָישער איז דאָס פאַרמעסטן־זיך פון דעם גערעכטן און סאָציאַליסטישן מענטש, צו פראָקלאַמירן אין דעמדאָזיקן כאַאָס דאָס מלכות פון דער פאַרנונפט און גערעכטיקייט. פון דער שווונגפולער פאַנטאַזיע פון דעם גערעכטן מענטש זאָל אונז נאָר דינען איין ביישפיל, נעמלעך: לויט דער קוואַנטן־טעאָריע איז דער פרייער ווילן דער געפערלעכסטער צעשטערער פון די וועלט־געזעצן. אָט־אָ דעם פרייען ווילן האָט מיט גרויס בראַוווּר דער גערעכטער מענטש גראָד גענומען אַלס דעם וויכטיקסטן בוי־שטיין פון האַרמאָניע און געזעץ צווישן די מענטשן. דער גערעכטער מענטש האָט זיך פאַר־נומען אויסצוטראָגן די וועלט אויף זיינע הענט. אין דער־דאָזיקער טרויעריקער וועלט איז דער גערעכטער — סאָ־ציאַליסטישער — מענטש אונזער איינציקע טרייסט. ער איז דער וואונדערלעכער העראָס און מיר קאָנען שטאָלץ זיין אויף אים. אין דעם קאָסמישן וויבער, אינמיטן דעם פייער און רויך פון דער וועלט האָט ער פאַנאַנדערגע־

וויקלט די פענער פון סאָציאַליזם און גערעכטיקייט, – און זיי פלאַטערן ווי דער רויט פון דעם שטילן, פרידלעכן מאָרגן־שטערן, וואָס מיר, די גערעכטע און פאַרנונפטיקע מענטשן, די סאָציאַליסטישע מענטשן ווילן אַרויסרופן איבער דער וועלט. געשלאָסן מאַרשירן מיר אויף דער ברענענדיקער ערד, און מיר ברענגען די בשורה פון אַ דערלייזונגס־טאָג אינמיטן דעם ווילדן גיגאַנטישן שפּיל פון אַלע תהומות.

II

לידער וועגן דער וועלט

I. האַרבסט

די יאָרן פֿאַלן־אָפּ פֿון מיר
ווי בלעטער פֿון אַ בוים.
די וועלט גייט־אויס אין האַרבסט.
איך זאָג צו מיר: דו שטאַרבסט —
דאָס לעבן איז אַ טרוים.

אין האַרבסט גייט־אויס די וועלט.
דער טויט איז גאָלד און הימל־בלוי.
אַ ווייסער שוואַן שווימט שטיל־אַזוי.
זוניק לייכט דאָס פֿעלד.

ווײַ איז מיר, מײַן לעבנס שעה
קלינגט־אויס אַ שטומע גלאָק.
אַ שאָטן וויגט זיך איבער מיר,
אַ האַנט קלאַפּט שטיל אין טיר —
ב׳בין שוין נישטאָ.

II. עפּיגראַם

די וועלט איז אַ טעאַטער־שפּיל.
די אילוזיע – דאָס העלע ליכט
פונם בינע־טאָג.
אילוזיע איז אויך —
שטילע צויבער־נאַכט,
לבנה׳ש־בלאַס.
פאַרטראַכט.
געשיקט געמאַכט
דאָס אויג אָפּצונאַרן.
אין די קיניגלעכע פאַנפאַרן
בלאָזט אַ קלאָון.
אילוזיע —
זי קומט מיט גאָלדענע טריט
און מאָלט
אויף ביליקן דעקטור,
וועלטן שיין און האָלד.
קאָמעדיאַנטיש רעקוויזיט.

אָבער דאָס ווי סן
איז די הינטער־קוליסן.
ד אָס ווי סן

איז די הינטער־קוליסן.
הינטער וויסן־קוליסן־וואַנט
אין מעפיסטאָפעליש געוואַנד
דרייט –
שטייט
שטיל
און גרייט
דער טויט –
און וואַרט אויף אַ צייכן –
אויפצוטרעטן אין שפּיל.

III. וואַן־גאָג אָדער די קונסט
ליד צו דער אילוזיע

אַ ווייס טישטוך, אַן ערדענע קרוג און אַ רויז אַ רויטע —
אַלע וועלטן טוען זיך אויף און אַלע ווייטע זיינען.
אין פרייד לייכטן־אויף אַלע פיינען.
ס'שטאַרבן אַלע לעבעדיקע און ס'וועקן זיך די טויטע.

אַ ווייס טישטוך, אַן ערדענע קרוג, אַ רויטע רויז,
אַ צווייגל בעז אין אַן אָרימען טאָפּ —
אַלע וועלטן לייגן אַוועק דעם קאָפּ
אין דער דאָזיקער ווינציקער שויס.

אין אַ ווייס טישטוך, אין אַן ערדענער קרוג, אין
אַ רויטער רויז
האָט ער אויסגעלייזט די גאַנצע וועלט.
עס העלט
דער לעצטער טאָג אַרויס פון דער ליימענער קרוג.
אין גאָלדענע שיך קומט שטיל צו גיין דער לעצטער טאָג.
עס פּליסטערן ציטערנדיק די פינצטערנישן און לייכטן זיך
פאַנאַנדער.
עס שיינען־אויף אַלע זונען

און עס דערצינדן זיך די שטערן.
ווי בלומען צעבלעטערן זיך אַלע באַהאַלטענע פרייַדן,
און עס שמעקט מיט גן־עדן.

אין אַ רויטער רויז און אין אַ פּאָר האַרבסטיקע בלעטער
זינגען־אויף אַלע געטער.

.IV וועלט־שפּיל

איך בין געגאַנגען, געגאַנגען און געגאַנגען
און געמיינט, אַז ס'איז די וועלט.
טויבע שטילקייטן האָבן מיר געקלונגען ווי געזאַנגען,
פּוסטע טרויעריקייטן האָבן מיך געלאָקט ווי פּאַרלאַנגען,
אַ שאָטן האָט געמיניעט — כ'האָב געמיינט, אַז עס העלט.

די וועלט איז אַ ליכט־שפּיל אין אַן אייביקער נאַכט —
און איך בין אַן אָרימער קאָמעדיאַנט.
די שמאַטע אויף מיין לייב האַלט איך פאַר מלכותדיק
געוואַנד,
ס'ברעט, אויף וועלכן כ'טאַנץ, איז דאָס גליקלעכע לאַנד,
און מיין קלאָוניש פּנים – עס וויינט און עס לאַכט.

די וועלט איז שפּיל אין שאָטנס. און איך, אַן
אָפּגעפּאַרבטער שאַרבן,
ווער געצויגן אויף אַ שטריקל. עמיץ פּליסטערט מיר: לייד!
עמיץ פּליסטערט מיר: האָב פרייד!
דאַן איז פאַרביי מיין צייט
און איך מוז קלאָמפּערשט שטאַרבן.

V. פיאָרדן

די וועלט איז שיין און וווּנדערבאַר.
איך בין קליין און קראַנק און אָרים.
מיין בלום איז בלאַס און וואַקסט צווישן קברים.
די וועלט איז שיין און קלוג. איך בין אַ נאַר.

אונז טראָגט די שיף אין די פיאָרדן פון נאָרוועגן —
בערג, הימל, ים און רעגן.
ליכט, ווייבער און געלעבטער.
אַן אָפענע האַנט שטרעקט זיך אַריין דורכן פענצטער.
איבער מיר שטייט בייז אַ וועכטער.

אין די פינצטערע שויסן פון די בערג שמייכלט וויסט
דער ים.
פיאָרדן.
זון און נעפּל. ווייסע נעכט, ווי טעג, וואָס זענען געשטאָרבן.
נאָרדן.

אינדרויסן ווינט און איינזאַמקייט.
די שיף וויגט זיך באַפאַנט און באַלויכטן. וואַלצער.
פאַרלעך שפּאַצירן גליקלעך אויפן דעק.
אַ גאָט, איך בין די מויז, וואָס נאָגט איר גליק מיט שרעק.

אַ גאָט, די וועלט איז שיין און וווּנדערבאַר
מיך טראָגט אַ שיקזאַל אַ קראַנקן אין די פּיאָרדן.
מיין טאָג איז בלאַס, ווי אַ ווייסע נאַכט אין נאָרדן,
און איך בין אַ נאַר.

.7 טרינק־ליד

אויף אַ בריק פון גאָלד און בלויען פּאָרצעליין
שטייט אַ שאָטן העל און שלאַנק,
מאַכט מיט די ליפּן ווי צום געזאַנג,
האַלט אַ בעכער מיט געטראַנק.
עס זאָגט דער שאָטן אויפן בלויען פּאָרצעליין:
די מוזט הײַנט פריילעך זײַן,
טרינק ווײַן!

אַ וווּנדערשײַנער שאָטן אויפן בלויען פּאָרצעליין
הייסט מיך פריילעך זײַן.

קילער אָוונט פאַלט־צו. דער שאָטן ווינקט און הויבט העבער
דעם בלוי־גילדערנעם בעכער.
ס'טונקלט רוי דער הימל. איך ציטער. האָב מוט, —
ווינקט דער שאָטן, — קום, מײַן ווײַן איז זיס און גוט,
פון אַלע זומערס האָב איך אויסגעקעלטערט ס'בלוט.
אַ האָן קרייט אויף די דעכער.

אַ וווּנדערשײַנער שאָטן אויפן בלויען פּאָרצעליין
הייסט מיך פריילעך זײַן.

איך גיי־צו נענטער. זאַכט
וויקלט זיך אַרויס אַ האַנט אַ ווייסע, צאַרט און לאַנג,
טוט מיר דעם ווונדערלעכן געטראַנק אַ דערלאַנג
און לעשט זיך אויס ווי נעפּל. אַלץ לעשט זיך אויס אין נעפּל.
ס'איז גאָרנישט. אויפן דאַך קרייט דער האָן.
דער טויט האָט מיך צום נאַר געמאַכט,
דאָן האָט ער געלאַכט.

אַ ווונדערשיינער שאָטן אויפן בלויען פּאָרצעליין
הייסט מיך פריילעך זיין.

VII. מײַן הונט ניק

אַ ניק, מײַן שוואַרצער פּודעל ניק,
תּמיד זענען מיר צוזאַמען —
מיר האָבן נישט קײן געמײנזאַמע שפּראַך.
דו גלויבסט אין מיר גאָר אַ סך,
העכסט־אָן אין מיר דײַן אומעט, העכסט־אָן אין מיר דײַן גליק.

בין נאָר אָן אָרימער נישטיקער מענטש —
דו גלויבסט, אַז אין אויבן
פון אַלע װעלטן שטײ איך, און בין דאָרט דער
אַלמעכטיקער גאָט,
און אַלע װעלט־עשירותן שטײען מיר צו געבאָט.
דאָס טרײַבן די געטער מיט מיר שפּאָט
אין דײַן טרויעריקן הינטישן גלויבן.

בין אַ געפּענטעטער קנעכט —
דו האַלטסט מיך פאַר אַ געוואַלטיקן האַר
און דיר געפעלט
וואָס מיט גרויס חכמה האָב איך באַשאַפן אַזאַ
וואונדערפולע װעלט —
איך בין נאָר דער גרעסטער נאַר.

ווילסט, אַז אַ וועגלאָזער זאָל דיך פירן.
קוקסט מיר פאַרכצום אַריין אין די אויגן
און פאַרלאַנגסט נישט מער ווי אַ ביין
פון דעם וואונדערלעכן ז י י ן,
וואַהין כ׳גיי מיט דיר שפּאַצירן.

VIII. ליבע

דער וואַלד רוישט אין ווינט און אין רעגן.
נאַכט. עס טוט אַ בליץ־אויף אַ ליכט.
אַ וווּנדערלעך פרויען־געזיכט
שיילט זיך אַרויס פון די וואַלדיקע וועגן.

אַ פרויען־פיגור — ווי אַ ראָקאָקאָ־ליאַלקע.
אַ, איך האָב זי דערקאָנט.
קליין, צירלעך־מאַנירלעך —
די ראָקאָקאָ־לאָקן גרוי,
לאַכט רויק און קאַלט
אינם ביינאַכטיקן וואַלד,
די אויגן קוקן גרויס און בלוי.
אַ רויטער שיין בליט־אויף אויפן פינצטערן האָריזאָנט.

נאַכט און ווינט. אונטער אַ צעהוליקעטן בוים
טאַנצט זי לייכט אינם ווייסן פאַלדיקן קלייד,
וויגט זיך אינם ווינט ווי אַ ווייסע וווּנדערלעכע קווייט.
אינם רעגן שפילט עמיץ אויף אַ פלייט.

אַ, פרויען־פיגור, ביסט וואָרהייט? ביסט טרוים?

אַ, פרויען־פיגור, ביסט ליבע? ביסט טויט?
ווער ווייס?
אַפילו אין דער נאַכט איז דיין פּנים גאָר ווייס. –
דער פינצטערער הימל ווינקט רויט.

אַ, פרויען־פיגור! אַ שיקזאַל! דו רופסט מיך, איך גיי.
אין ביינאַכטיקן גראָז דיינע טריט
פאַרווייען ווי דאָס שענסטע און טרויעריקסטע ליד.
איך מאַך־צו די אויגן – מיך ציט
צו ליבע, צו טויט.
דער פינצטערער הימל ווינקט רויט:
פאַרגיי!
ס'איז אַלצדינג פאַרביי.
איך גיי.

IX. בּעטלער-ליד

כ'שטיי אויף אַ הויף אין בּונטע אָפּגעריסענע טריקאָטן —
דריי אַ הייזעריקע קאַטערינקע.
קוק-אַרויף צו די פענצטער.
זינג אַ ליד –
טראַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַ-לאַ.
מיין אייגענער לייבּלעבער שאָטן
שטייט בּיי אַן אָפן פענצטער,
ווי דער מאַנספּאַרשוין דער שענסטער,
אין זיידנס און אין שמינקע –
טראַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַ-לאַ.

כ'פאַרבּראַך די הענט –
ער האָט מיך דערקענט —
טראַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַ-לאַ.

איך בּין אַלט און קראַנק –
הויט און בּיין.
מיין שאָטן יונג און שלאַנק
עלעגאַנט און פיין —
אין אַ צילינדער אין אַ שוואַרצן

הערט־צו מיין געזאַנג,
הערט־צו מיין געזאַנג.
מיר איז טרויעריק אויפן האַרצן –
כ׳זינג אַ ליד
פון טויטע און פון בלומען.
כ׳זינג אַ ליד
פון אַ מענטש, וואָס גייט אין אַן אייביקער נאַכט
און ווערט נישט מיד —
אַ מענטש, וואָס טראַכט און טראַכט
און ווערט נישט מיד.
איז אין ערגעץ נישט דערקומען —
האָט זיך צו גאָר נישט נישט דערטראַכט –
טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ.
כ׳שטרעק־אויס בעטלדיק די האַנט.
מיין שאָטן פרעך און עלעגאַנט
ווינקט צו מיר און לאַכט –
טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ.

כ׳פאַרבראַך די הענט –
ער האָט מיך דערקענט –
טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ.

כ׳בין דער זינגער אויפן הויף, –
אַ בעטלער אין פּאַיאַצישע טריקאָטן.
איך קוק צו אים אַרויף,
צו מיין שאָטן –
און זינג. און זינג:
פון מאַמעס, וואָס ליגן אין דער ערד פאַרשאַרט,

פון האָפענונגען, וואָס האָבן גענאַרט,
פון יאָרן, וואָס האָבן זיך נישט דערוואַרט,
פון ליפּן, וואָס האָבן געגאַרט,
פון אויגן, וואָס האָבן געזוכט, געזוכט,
זיך אַנטוישט — און געפלוכט
און ווי וואַלד־פלעמלעך זיך פאַרלאָשן...
האָפּ, האָפּ,
כ׳טאַנץ און שאָקל מיטן קאָפּ —
טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ.
מיין שאָטן פרעגט און עלעגאַנט
בויגט זיך אַריבער דעם פענצטער־ראַנד
און וואַרפט מיר אַראָפּ
גוטהאַרציק אַ גראָשן —
טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ.

כ׳פאַרבראַך די הענט –
ער האָט מיך דערקענט –
טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ.

X. אָלימפּ

פּונקט ווי אין שוישפּיל, אויף טעאַטער־ברעטער, –
אַזוי
האָבן די געטער
זיך אָנגעטון אייטעלע און נאַרישע וועלטן,
זיך אויסגעשמירט די געטלעכע פּנימער אויף בלוי,
זיך אַרויפגעזעצט די זונען ווי גילדערנע קרוינען –
און מאַכן זיך פאַר העלדן,
אַט די אייביקע אָלימפּישע פּאַרשוינען.
און רייטן־אַרויס אויף פערד
און פאָכען מיט אַ שווערד
איבער דער פּוסטער און אָרימער ערד –
און רייטן און רייטן
אָן רוימען און אָן צייטן –
און פאָכען כסדר מיט אַ שטומפּיקער שווערד:
אַ האָ! אַ האָ!
אַ האָ! אַ האָ!

פּונקט ווי אין שוישפּיל דער כאָר:
ס'איז צו לאַכן און צו שפּאָטן.
די געטער זענען וואָרע דאָן־קישאָטן.

איבער ליידיקע אייביקע רוימען
רייטן די געטער אויף הימלישע פערדלעך
און זוכן מיט ליכט אַ פיינט
אינם נאַמענלאָזן זיין –
די געטער זוכן אַ פיינט.
וועמען?
סך־הכל זענען זיי אַליין,
עלנט און אַליין
אין אַלע וועלטן.
האָבן צומאָל נישט קיין צייט און קיין שעה
אויף צו וויסן ווי זיי האַלטן אין דער וועלט –
און ממש קיינער איז אַרום זיי נישטאָ.
זיי רופן און רופן, – און ווער הערט?
נישט קיינער.
אַזוי שטייען
די געטער פון די וועלטן,
מיט זונען ווי קרוינען אויף די קעפּ
און פאָכען מיט אַ שווערד,
פליכן און שעלטן
און שרייען –
אויף אַ פּאָר טרוקענע מענטשלעכע ביינער.

פונקט ווי אין שוישפּיל דער כאָר:
ס'איז צו לאַכן און צו שפּאָטן.
די געטער זענען וואַרע דאָן־קישאָטן.

די געטער מאַכן־צו די אויגן – זיי חלומט זיך עפּעס:
האָסטיקע פערד־טריט, פיינט רוקן־אָן.

זיי זענען מכלומרשט אינמיטן אין שלאכט –
און רופן.
אַ מענטש גייט אין לבנה־שיין און טוט שטיל אַ זיפץ.
נעמען זיי אים אָן פאַר דער פיינטלעכער מאַכט.
געטער אין קרוינען, אויף הימלישע פערדלעך,
פאָכען אין דער לופט
מיט זייער קלאָמפערשט בלוטיקער שווערד –
און הערן – און הערן –
ווי עמיץ – קלאָמפּערשט דער פיינטלעכער מענטש —
רופט זיי ביים נאָמען
און וויל ביי זיי צונעמען די נאַרישע וועלט.
משוגענע טרוימען!
דער מענטש טוט נאָר גיין
אין שטילן לבנה־שיין.
אַלץ איבעריקע איז שוים, נישט מיין.
אין די ליידיקע קאָסמישע רוימען
דרייען זיך פוסטע שאָטנס ווי מילן,
דרייען זיך, דרייען זיך געשווינד
אין אייביקן פינצטערן ווינט,
רייצן זיך און שפּילן
מיט די געטער —
רייצן זיך און שפּילן
מיט די געטער.

פונקט ווי אין שוישפּיל דער באַר:
ס'איז צו לאַכן און צו שפּאָטן.
די געטער זענען וואַרע דאָן־קישאָטן.

XI. וויג־ליד

נאַכט.
אין אַ טויטנבעט
לייג איך מיך צו רו.
העסלעכער סקעלעט
זעצט זיך צו מיר צו,
שטשירעט־אויס די ציין,
וויגט מיך צו און לאַכט.

וויג מיך, וויג מיך צו,
העסלעכער סקעלעט.
זינג מיר אויס מיין ליד.
איך בין אַלט און מיד.
וויג מיך, וויג מיך צו,
העסלעכער סקעלעט.

צי נאָר איין די פיס,
דרימל־איין אין שלאָף.
ס׳האַלט מיט דיר ביים סוף —
טויט איז שטיל און זיס.

וויג מיך, וויג מיך צו,
העסלעכער סקעלעט.
זינג מיר אויס מיין ליד.
איך בין אַלט און מיד.
וויג מיך, וויג מיך צו,
העסלעכער סקעלעט.

כ׳זיץ בײַ דיר און וואַך —
האָסט נישט מער צו האָפן.
ס׳רופט דער טויט דיך שלאָפן.
ס׳טונקלען זיך די קברים.
ס׳וואַרט אויף דיר דער וואָרים.
כ׳וויג דיך צו און לאַך.

וויג מיך, וויג מיך צו,
העסלעכער סקעלעט.
זינג מיר אויס מיין ליד.
איך בין אַלט און מיד.
וויג מיך, וויג מיך צו,
העסלעכער סקעלעט.

ליגסט אין טויטנבעט —
ליו-ליו-ליו-ליו.
ביסט אין וויסטן וואַלד.
ביסט שוין קלוג און אַלט.
רו-זשע, רו-זשע, רו.
ליגסט אין טויטנבעט.

וויג מיך, וויג מיך צו,
העסלעכער סקעלעט.
זינג מיר אויס מיין ליד.
איך בין אַלט און מיד.
וויג מיך, וויג מיך צו,
העסלעכער סקעלעט.

ווי אַ מאַמע ס'קינד
טוט מיך טויט אַ גלעט.
גלעט מיך דער סקעלעט.
טראָגט מען ס'שוואַרצע ברעט.

אין קוימען וויינט דער ווינט.

וויג מיך, וויג מיך צו,
העסלעכער סקעלעט.
זינג מיר אויס מיין ליד.
איך בין אַלט און מיד.
וויג מיך, וויג מיך צו,
העסלעכער סקעלעט.

XII. אַ משל מיט אַ נמשל

ס׳איז אַ משל אויף צו לאַכן:

אויף אַ גינגאָלדן בענקל
זיצט אַ מאַנדאַרין אין אַ בלוי־זײַדן געוואַנד,
ס׳געוואַנד איז אויסגעהאַפטן און אויסגענייט
מיט פייגל און מיט דראַכן.
נעבן אַ גרויסן בלומען־טאָפּ
דעם מאַנדאַרין צופוסנס
זיצט שטיל דער שלאָף
און דרימלט און שאָקלט מיטן קאָפּ
ווי אַן אַלטער נאַרישער פילאָזאָף.
אינמיטן טונקעלן געצעלט אויף דר׳ערד
ליג איך. איבערן האַלז
שוועבט מיר אַ בלוטיקע שווערד.
זאָגט דער בלויער מאַנדאַרין צום נאַרישן פילאָזאָף:
זיך נאָר אַ רגעלע שטיל,
זאָל ער נישט דערוואַכן.

אינם גאָלדענעם לאַנד פון טרוים,
אונטער אַ ווייסן קאַרשן־בוים,

זיצן שלאָף-מיידלעך —
איידעלע געשטאַלטן פון ליכט און שוים.
שפינען אַ גאָלדענעם פאָדים.
נייען פאַר מיר קיניגלעכע בגדים.

דער בלויער מאַנדאַרין טוט מיטאַמאָל אַ קלאַפּ
מיט אַ זילבערנעם שטעקן —
און זאָגט צו דעם נישטיקן פילאָזאָפישן לץ,
דעם שלאָף:
אויף אַ זילבערנעם וואָגן,
געשפּאַנט אין זיבן בלויע קעץ,
זאָל ווערן אַריינגעטראָגן
די וועלט,
זאָל ווערן אַריינגעטראָגן
די וועלט –
און טוט נאָך אַמאָל אַ קלאַפּ מיטן זילבערנעם שטעקן
און הייסט מיך וועקן,
און הייסט מיך וועקן.

אינם גאָלדענעם לאַנד פון טרוים,
אונטער אַ ווייסן קאַרשן־בוים,
זיצן שלאָף־מיידלעך –
איידעלע געשטאַלטן פון ליכט און שוים.
שפינען אַ גאָלדענעם פאָדים.
נייען פאַר מיר קיניגלעכע בגדים.

אַ פענצטער טוט זיך אויף. עס העלט
אַ שטיק פון שוואַרצן הימל מיט זיבן גרינע שטערן.

באַלד טון זיך הערן
פויקן, צימבלען, פידלען און טראָמפּייטן.
העלע מיידלעך פעכערן מיט צווייגן,
בוקן זיך, מאַכן רעוועראַנסן,
שיטן ווייסע קווייטן.
ווי אַ ווילדער באָק
שפּרינגט דער שלאָף – דער לץ.
זיבן גרויסע בלויע קעץ
ברענגען אַריינצוטראָגן די וועלט,
ברענגען די וועלט.

אינם גאָלדענעם לאַנד פון טרוים,
אונטער אַ ווייסן קאַרשן־בוים,
זיצן שלאָף־מיידלעך –
איידעלע געשטאַלטן פון ליכט און שוים.
שפּינען אַ גאָלדענעם פאָדים.
נייען פאַר מיר קיניגלעכע בגדים.

ווי אַ פּאַפּירענער בלענדיק־פאַרביקער לאַמטערן
קוקט־אויס די וועלט. מ׳טוט מיר אָן
דאָס מלכות־געוואַנד.
מ׳יט גרויס פּאַראַד טוט מען מיך פירן
צו אַ העלפאַנט־ביינערנעם טראָן.
מ׳זעצט מיך אויבן־אָן.
מ׳שטעקט מיר אַריין די וועלט אין דער האַנט
און מ׳הייסט מיך רעגירן –
און מ׳הייסט מיך רעגירן
מיט דעמדאָזיקן פּאַפּירענעם לאַמטערן.

אינם גאָלדענעם לאַנד פון טרוים,
אונטער אַ ווייסן קאַרשן־בוים,
זיצן שלאָף־מיידלעך –
איידעלע געשטאַלטן פון ליכט און שוים.
שפּינען אַ רויטן פֿאָדים.
נייען פאַר מיר לצישע בגדים.

ס׳לאַכן זיבן גרינע שטערן.
ס׳פלאַטערן בלוי די קיניגלעבע פענער.
ס׳קלאַפּן די טאַצן, ס׳בלאָזן די פאַנפאַרן,
ס׳פייפן די פלייטן, ס׳שאַלן די טראָמפּייטן.
ס׳זינגען די פּאָעטן, ס׳לאַכן הויך די נאַרן.
ס׳שיטן זיך קווייטן.
ס׳קרייען די הענער.
פייגל אויף די דעכער,
מייז אין די לעכער
לאָזן הערן:
זאָל לעבן דער מלך פון דער וועלט,
זאָל לעבן דער קלוגער מלך פון דער וועלט.
ס׳לאַכן זיבן גרינע שטערן.

אינם גאָלדענעם לאַנד פון טרוים,
אונטער אַ ווייסן קאַרשן־בוים,
זיצן שלאָף־מיידלעך –
איידעלע געשטאַלטן פון ליכט און שוים.
שפּינען אַ ווייסן פֿאָדים.
שפּינען אַ ווייסן פֿאָדים.

אזוי זיץ איך אויפן טראָן
און האַלט די וועלט אין דער האַנט –
דעם פּאַפּירענעם לאַמטערן,
און ציטער ווי אַ פיש און קלער –
נישט מער,
וואָס מיר ביי דער זייט
שטייט אַ הענקער מיט אַ שווערד אַ רויטער –
שטייט אויך און טרייסלט זיך אַ טויטער —
און שטיל שטייט און וואַכט דער שלאָף.
ס'הייסט: מיך היטן פּילאָזאָף און לײַ
און זיבן בלויע קעץ.
הערט זיך אַ קול פון הינטער דער וואַנט:
אדוני קיניג, כ'האָב דיר אָנפאַרטרויט די וועלט,
הנה זיי־זשע וויסן,
טאָמער לאָזט דו זי אַראָפּ
און זי ווערט, חלילה, צעריסן –
אזוי האַק איך דיר אָפּ דעם קאָפּ,
האַק איך דיר בלי־נדר אָפּ דעם קאָפּ.

אינם גאָלדענעם לאַנד פון טרוים,
אונטער אַ ווייסן קאַרשן־בוים,
זיצן שלאָף־מיידלעך –
איידעלע געשטאַלטן פון ליכט און שוים.
שפּינען אַ שוואַרצן פאָדים –
נייען פאַר מיר טרויער־בגדים.

נו, געניג געזעסן אויף דעם כסא־מלוכה.
איך וויל נעמען די וועלט –

דעם ליכטיקן פאַפּירענעם לאַמטערן –
און וויל גיין אויסזוכן די קוואַלן פון גן־עדן.
און וויל גיין אויסזוכן אַלע ליידן און פריידן.
און וויל גיין אין די הימלען דאָרט אָנצינדן אַלע שטערן –
און אָנצינדן אַלע לבנות, און אָנצינדן אַלע זונען.
ס׳קאָן זיכער אַלע ווערן געפונען
מיט אַזאַ װוּנדערלעכן לאַמטערן.
ס׳קאָן זיכער אַלע ווערן געפונען
מיט אַזאַ װוּנדערלעכן לאַמטערן.

נו, גיי איך האַפּערדיק־גיך
ווי אַ קיניג אין בלוי־גאָלדענע שיך.

דער הענקער טוט לייכט אַ פאָך
מיט דער שווערד דער רויטער.
עס טרייסלט זיך ביינערדיק דער טויטער.
טוען שטיל אַ מיאַו די זיבן בלויע קעץ.
לאַכט סודותדיק דער לץ.

אינם גאָלדענעם לאַנד פון טרוים,
אונטער אַ ווייסן קאַרשן־בוים,
זיצן שלאָף־מיידלעך –
איידעלע געשטאַלטן פון ליכט און שוים.
שפּינען אַ פאָדים, אַ פאָדים, —
נייען פאַר מיר מתים־בגדים.

נו, גיי איך,
עפן פאַמעלעך די טיר פון מיין קיניגלעך געצעלט

און טראָג־אַרויס די וועלט
אין דרויסן,
און טראָג־אַרויס די פּאַפּירענע וועלט אין דרויסן.
און טראָג־אַרויס די פּאַפּירענע וועלט
אויפן פוסטן ווינט —
און דער פוסטער ווינט איז קיל.
שטיל
טוט אַ בלאָז
דער פוסטער ווינט
און לעשט מיר אויס די וועלט —
און לעשט מיר אויס די וועלט —
לעשט מיר אויס די ליכטיקע וועלט.
ווײ מיר, די וועלט איז אַ זייפן־בלאָז –
די ליכטיקע וועלט איז אַ זייפן־בלאָז.
האָפּ, האָפּ, –
שפּרינגען די מייז אין די פינצטערע לעבער.
פון אַלע פינצטערע דעבער
קומען געפלויגן
קראָען, — און פּיקן מיר אויס די אויגן.
ס׳לאַכט הויל און ביינערדיק דער טויטער.
דער הענקער מיט דער שווערד דער רויטער
האַקט מיר אָפּ דעם קאָפּ.
האַקט מיר אָפּ דעם קאָפּ.

אינם גאָלדענעם לאַנד פון טרוים,
אויף אַ ווייסן קאַרשן־בוים
הענגט מיין בלינדער קאָפּ,
הענגט און וויגט זיך אויפן ווינט.

מיין קאָפּ איז אַלט און גראָ.
עס פּיקט פון אים אַ קראָ.
שלאָף־מיידלעך –
איידעלע געשטאַלטן פון ליכט און שוים —
זיצן שטיל און וויינען,
זיצן שטיל און וויינען,
זיצן שטיל און וויינען.

אָט די טרויעריקע מעשה האָט גאָר אַ טיפן זין,
גאָר אַ טיפן זין:
השם יתברך איז דער בלויער מאַנדאַרין.
און דער לייכטזיניקער וועלט־מלך בין איך.
דער לייכטזיניקער וועלט־מלך בין איך.

עפּילאָג

וועלט־סוף

אין די טונקל־טריבע הימלען גליט די זון —
אַן אויסגעפלאַקערטער קין.
אַלע ווייטקייטן זענען איינגעשרומפן.
דער שטאַרקער לייב ברומט ווי אַ שוואַכע בין.
דער הויכער העלפאַנט —
איז סך־הכל אַזוי גרויס ווי אַ שפין.
און ווער איז דער לעצטער מענטש ?
ווער איז דער לעצטער האַר פון דער וועלט ?
אַ ייד.

די העכסטע ביימער זענען קליין
ווי דאָס נידעריקסטע גראָז.
די וועלט – אין לעצטן בין־השמשות.
די וועלט איז קאַלט און ווייס.
די שיינע בלומען, די זוניקע זומערס –
פאַרוואַנדלט אין אייז.
אַלע שיינקייטן
זענען אויסגעגאַנגען.

אַלע קלוגשאַפטן –
האָפענונגסלאָז.

און ווער איז דער לעצטער מענטש? ווער איז דער לעצטער
האַר פון דער וועלט?
אַ ייד.

אין די טונקעלע הימלען די זון — קוים זי גליט.
אָ, די קלוגע וועלט איז אַלט און מיד.
די קלוגע וועלט איז שוואַכזיניק —
די קלוגע וועלט ווייסט נישט, ווען טאָג און ווען נאַכט.
אויף די וועלט־שנייען רופט אַ קול:
צייט צו שטאַרבן! צייט צו שטאַרבן!
אַלע מלכים און אַלע חכמים
זענען געקומען און געבראַכט
די קרוינען און די חכמה.
רעזיגנירט — און שטיל געשטאַרבן.
שטיל געשטאַרבן.
זייער טרויער־ליד
האָט אַרויסגעלאָזט
אַ לעצטער ייד.

די אומעטיקע וועלט מאַכט חשבון.
ס'האָט זיך גענומען וועקן
אין איר ס'געוויסן.
עס האָט געטון אַ קלונג.
אומהיימלעך האָט אַ בלאָז־געטון אַ שופר.
פון די טונקעלע וועלט־עקן

איז פּאַמעלעך געקומען צו גיין
אַ ייִד מיט אַ שטעקן.

אין די הימלען גליט פויל די זון —
אַן אויסגעפלאַקערטער קין.
עס קומט־אָן־צו־גיין דער לעצטער ייִד.
אַ גראָער איינגעהויקערטער ייִד,
און לייגט־אויס פאַר דער וועלט
זיין אייביקע סחורה:
פון אַלע ווירקלעכקייטן ברענגט ער־די אומדערגרייכטע טרוימען,
פון אַלע וועלטן ברענגט ער אַהער די פוסטע רוימען —
און דעם שיטערן רויך ברענגט ער אַהער פון קוימען.
אין דעם לעצטן טאָג האָט דער לעצטער ייִד
אויסגעשטעלט דעם לעצטן יאַריד.

און ער זאָגט:
דאָס שפּיל איז צו ענד —
צו ענד די ליידן און פריידן.
מיר מוזן זיך שיידן.
און עס ניט אַ צימבל אויף זיין שטעקן
דער לעצטער ייִד פון דעם לעצטן יאַריד
און זינגט דאָס לעצטע ליד:
„פון אייך אַלעמען, פון אייך אַלעמען —
פעלקער, מלכים, פילאָזאָפן,
האָט מיך דער לעצטער וועלט־טאָג אַמווינציקסטן געטראָפן.
אַפילו די פינצטערע זון
האָט מיך פון דאַנען נישט פאַרטריבן.
איך האָב געהאַנדלט מיט גאָרנישט —

ביים גאַרנישט בין איך פאַרבליבן.
איר האָט נאָכגעיאָגט די וועלט —
איך בין פון איר אַנטלאָפן.
איר האָט געהאָפט און געגלויבט —
איך האָב נישט געגלויבט אין האָפן.
נו, האָט איר קלאַמפערשט דערגרייכט אייערע פאַרלאַנגען?...
איך בין אין ערגעץ נישט דערגאַנגען".

דאַן האָט דער ייד זיך אָנגעטון טלית און תפילין
און געטון דעם לעצטן זיפץ פון דער וועלט -
אַ זיפץ גאָר אַ שטילן.
דאַן האָט דער ייד אַ וואָרף־געטון דער וועלט זיין לעצטן גראָשן –
און זי האָט זיך פאַרלאָשן.

אינהאַלט:

זייט

געזאַנג צו די מוזעס — — — — — — — — 5

I. פּראָזע וועגן דער וועלט:

I. משיח און אַנטימשיח — — — — — — — 9

II. דער איקס און די פיזיקאַלישע וועלט־דערקענטעניש — 13

III. די וועלט אין כאַאָס — — — — — — — 17

IV. געזעלשאַפטלעכער רעלאַטיוויזם — — — — — 25

V. דער קאָסמאָס און דאָס מענטשלעכע אונטערבאַוווסטזיין — 30

VI. דער מענטש אַלס דער העראָס — — — — — 37

II. לידער וועגן דער וועלט

I. האַרבסט — — — — — — — — 43

II. עפּיגראַם — — — — — — — — 44

III. וואַן־גאָג אָדער די קונסט — — — — — 46

IV. וועלט־שפּיל — — — — — — — — 48

V. פּיאָרדן — — — — — — — — 49

VI. טרינק־ליד — — — — — — — — 51

VII. מיין הונט ניק — — — — — — — 53
VIII. ליבע — — — — — — — — — 55
IX. בעטלער־ליד — — — — — — — — 57
X. אָלימפּ — — — — — — — — — 60
XI. וויג־ליד — — — — — — — — 63
XII. אַ משל מיט אַ נמשל — — — — — — 66

עפּילאָג

וועלט־סוף — — — — — — — — — — 77

ווערק פון י. י. טרונק

פון דער נאַטור, נאָוועלן.

פייגנביימער, און אַנדערע דערציילונגען.

מידע, נאָוועלן.

אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער ייד. ליטעראַטור,
טענדענצן און וועגן פון אונזערע מאָדערנע שריפטשטעלער.

צווישן ווילן און אָנמעכטיקייט (ה. ד. נאָמבערג),
פּרווון פון אַנאַליז און כאַראַקטעריסטיק.

יאָסעפוס פלאַוויוס פון ירושלים,
און אַנדערע היסטאָרישע נאָוועלן.

יידישע קולטור־פראַגן און דער סאָציאַליזם,
(Pro domo nostra).

נאָענט און פרעמד, עסייען.

שלום־עליכם (זיין וועזן און זיינע ווערק).